אין אנ׳ארטיקעל „אייגענע און פרעמדע, פרעמדע און אייגענע" שטעלט זיך אפ דער בעקאנטער רוסי־שער שריפטשטעלער אלעקסאנדער אמפיטעאטראוו אויף דער פראגע, ווי אזוי פערשידענע פעלקער בעציהען זיך צו יחידים, וואס האבען א געוויסע שייכות צום גע־געבענעם פאלק, ווי עס ליגט אין דער אמביציע פון מייסטענס פעלקער צוצושרייבען אלס זייער אייגענעם פערשידענע גרויסע פערזענליכקייטען. אין דעם אר־טיקעל זענען פערהאן אייניגע זעהר אינטערעסאנטע בע־מערקונגען, וואס האבען א שייכות צו יודען. אמפיטעא־טראוו [אגב, א יודען־פריינד] שרייבט:

ביי די יודען איז עס אפילו נישט אזוי לייכט אפצונעמען א זייעריגען ווי היטען אפ זייער „פערמע־גען" און לאזען עס נישט פערלוירען געהן. כ׳געדענק אמאל האב איך אין פאריז ביי מענדעלסאנען פער־בראכט צוויי שעה און געבלעטערט א פרעכטיגע אויס־גאבע מיט בילדער. קורצע ביאגראפיעס און טעטיג־קייט פערצייכנישען פון מענשען מיט יודישער אפשטא־מונג. כ׳בין יאהרען לאנג געווען נאהענט בעפריינדעט מיט ערנסט פאסארט און ערשט דא האב איך זיך דערוואוסט, אז ער איז א יוד און זיין אמת׳ער נאמען איז געווען פאלאק. אט איז ערשט געשטארבען קאמיל סען־סאנס, וועמען איז ביי זיין לעבען איינגעפאלען א טראכט צו טון אז דער מחבר פון „שמשון און דלילה" איז א יוד. דאס האט מען זיך דערוואוסט ערשט ווען ער איז געשטארבען.

כ׳געדענק אין אנהויב פון קריג איז קיין רים געקומען זשאבאטינסקי און אינוש. ראטענבערג אינטע־רעיען פאר׳ן יודישען לעגיאן. זענען מיר געזעסען אין געשמועסט וועגען פון די איטאליענישע מלוכה־מע־נער קען מען צוציהען צו דעם ענין. ט יא! נאטאן, דער רוימישער שטאט־פרעזידענט און דער גרויסמייס־טער פון די מאסאנען איז א יוד, לוצאטי דער פי־נאנץ־מיניסטער איז א יוד, בארציאי איז א יוד... ט

און אין פארלאמענט? זענען זיי אוועק צום הויפט־ראבינער אין דער סינאגאגא דער טשענטשי, ענטפערט ער זיי, אז ער אליין דערוואוסט זיך וועגען דעם ערשט ווען זיי שטארבען.

און מילאן, וואס א דריטעל פון דער אינטעלי־גענץ זענען יודען, האבען זשאבאטינסקי און רו־טענבערג געמוזט פיהרען זייער אגיטאציע אויף איטאליעניש ווייל נישט קיין העברעאיש און נישט קיין יודיש האט קיינער נישט פערשטאנען און דער שרייבער סאבאטינא לאפעץ, וואס איז היינט א בעל־המסקיים איז דאן ערשט אנגעהויבען צו ווערען א גדול האט ערקלערט אז נאר א דאנק דער ציוניסטי־שער אגיטאציע האט זיך ביי איהם דערוועקט דאס יו־דישע בעוואוסטזיין, אויף אזוי פיל האט ער זיך ביז דאן געפיהלט אלס איטאליענער. דארט איז עס גע־שעהן נישט דערפאר וואס די יודען האבען זיך בע־האלטען מיט זייער אפשטאמונג, ווי דאס איז געווען אין רוסלאנד, נאר דערפאר וואס די רעליגיעזע און בירגערליכע פרייהייט האט זיי פון קינדווייז אויס דער־פיהרט צו אזא שטופע פון אסימילאציע, אז זיי האבען פשוט פערגעסען וועגען זייער יודישקייט.

אין איטאליען איז נישטא קיין יודען־פראגע. די פרובען די צו שאפען זענען נישט געלונגען צוליב דער גלייכגילטיגקייט פון דער בעפעלקערונג און פון דער מאכט. אין איך איצט אין איטאליען מוסאלי־ניס רעכטע האנד און זיין ווארשיינליכער נאכפאל־גער — טוראטי — א יוד. די בעגייסטערין פון פא־שיזם — מארגאריטא סארפאטי איז א יודין; דער פינאנץ־ראט טעפליץ — א יוד או״וו א.ז.וו.

היינט טרעפט זעלטען אז א קולטורעלער יוד זאל בעהאלטען זיין אפשטאמונג. אמאל פלעגט עס טרעפען. אט האט מיר דערצעהלט א קאריאזען פאקט דער פערשטארבענער אלעקסאנדער קוגעל, ווי אזוי ער האט אין זיינע יונגע יאהרען געפרובט אויסבהאל־טען זיין יודישקייט דווקא פון א יוד. ס׳איז געפאה־רען פון ערגעץ קיין פעטערבורג. ער איז דאן געווען א יונגער [illegible]. האבענדיג א גוטען רוסישע אויס־שפראך האט ער זיך בעמיהט נישט ארויסצוווייזען זיין יודישקייט. מיט אמאל קומט אריין אין וואגאן עפּעס א פאטריארכאלער יוד און ווענדעט זיך צו איהם אויף יו־דיש. קוגעל מאכט דעם אנשטעל, אז ער פערשטעהט נישט. אין א פאר מינוט ארום — די מעשה חזרט זיך איבער אזוי א פאר מאל. קוגעל פערשטעהט אלץ נישט. ביי דער סטאנציע גראלבונאוו [איינ׳ע גרע־ניץ פון דאמאלסדיגען תחום המושב] קלייבט זיך דער יוד ארויסגעהן פון וואגאן. ער געהט צו קוגעלן און אויף א געבראכענעם רוסיש ווענדעט ער זיך צו איהם: „הייסט עס — איהר האט פראוואזשיטעלסטווא?"

דער בליק פון׳ם יודען האט אויף קוגעל׳ן אזוי געווירקט, אז ער האט זיך געגעבען דאס ווארט מעהר שוין נישט פרובען צו בעהאלטען זיין יודישקייט בפרט פון יודען: א גוי קען מען נאך אמאל אפנא־רען, אבער א יודען — קיינמאל נישט! — זיי וועלען שוין דערקענען.

אין געגענזאץ צו יודען און איטאליענער זענען מיר רוסען גרייט אונזערע מענשען לייכט אפצולאזען און אפילו אין די פעהיגסטע געפונען א טראפען פרעמד־בלוט. אזוי דער גרויסאמער האט זיך געגרויסט, אז ער שטאמט פון דייטשען, פּושקין האט זיך געגרויסט מיט זיין אדעל אפשטאמונג לויט׳ן פאטער, האט אבער נישט פערגעסען קיינמאל אונטערשטרייכען, אז ער שטאמט פון די אראבער לויט דער מוטער; לערמאנ־טאוו האט זיך געהאלטען פאר א שאטלענדער; דער בעריהמטער קאמפאזיטאר סעראוו האט זיך דערוואוסט אז ער האט אין זיין בלוט יודישע צומישונג. וועגען דעם דערציהלט סטאסאוו. איינמאל ווען ער איז צו איהם געקומען, האט ער איהם געטראפען טאנצענדיג מיט זיין שוועסטער: „מיר זענען יודען! מיר זענען פעהיג! הורא! מיר זענען טאלאנטפולע מענשען"! ס׳האט זיך ארויסגעשטעלט, אז זיי האבען אין זייער אדעל פערצייכנונגען אויסגעפונען א יודישע פרוי.

סעראוו האט שפעטער חתונה געהאט מיט א יו־דישער פרוי, אייך א קאמפאזיטארין זי האט געשטעלט אין מאסקווע איהר אפערע „אוריאל אקאסטא" וואס האט קיין גרויס ערפאלג נישט געהאט, הגם די הויפט־ראל האט אויסגעפיהרט ב. קארסאוו.

אגב איז אויך קארסאוו געווען א יוד און קיינער האט עס נישט געוואוסט — מ׳האט איהם געהאל־טען פאר א שוועד: זיין אמת׳ער נאמען איז גע־ווען הערינג.

8555111

אבער פון די קאמפאזיטארס סעראוו מיט זייער אפ־שטאמונג איז פאר דער רוסישער קונסט צוגעקומען נאך א גלענצענדע ערשיינונג: זייער זוהן וואלענטין אלעק־סאנדראוויטש סעראוו איז עס דער גרעסטער רוסישער פארטרעטיסט־מאלער. אין איהם געפינט זיך אזוי עטוואס מעהר ווי א העלפט יודיש בלוט.

וויכטיג פאר לעטניקעס!!
די ערשטע לאדזשער גוט בעקאנטע
פאבריק פון פאטענטירטע פעלד־בעטען
מאכט בעקאנט, אז צוליב׳ן קריזיס האבען מיר פערקלענערט די פרייזען פון אונזער אויסארבייטונגען
ווי: פעלד־בעטען 14 זל., פעלד־בעטען מיט ווענטלעך 18 זל.,
לעזשאקעס פון 8 זל. אן, טאבארעטקעס 3 זל., האמאקעס פון 9 זל.
אונזערע פעלד־בעטען זענען פערזעהען מיט דער שוץ־מארקע „Palma-Patent",
פאר וועלכע מיר גאראנטירען אויף פיל יאהרען.
אכטונג: פאדערט איבעראל פעלד־בעטען נור מיט דער מארקע „Palma - Patent"
„PALMA-PATENT" מיט אכטונג פירמע
אינה. שווארצאווסקי
פולנאצנא 24, טעל. 131-85

בעמערקונג: פאר פראווינצער — בעדייטענדע ראבאטען

לאָדז, 30 מײַ 1930

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 30 מײַ 1930

ד״ר. לעאָן פינסקער

פון צ. ה. מאסליאנסקי

דער גרויסטער יודישער דענקער אחד העם האט זעהר ריכטיג ערקלעהרט: „אויב מיר וועלען צוגלייכען די ציוניסטישע בעוועגונג צו א רעליגיע, דאן קענען מיר זאגען, אז דר. פינסקער איז געוועזן דער געזעץ־געבער און דר. הערצל דער אפאסטאל.

דר. לעאָן פינסקער איז געבוירען געוואָרען אין דעם יאהר תקפ״א, אין דער שטאָט טאמאשאוו, לובלינער גובערניע, זיין פאטער איז געוועזן דער גרויסער געלעהרטער רבי שמחה פינסקער, פון איהם האט ער געירשנ׳ט זיין שטארקע ליבע און מעכטיגען געפיהל צו פערשטעהן גרינדליך יודען געגענשטאַנד.

רבי שמחה פינסקער האט די ערציהונג פון זיין קליינעם לעאָן נישט איבערגעגעבען צו מלמדים, נאר ער אליין האט איהם געלערנט און ערצויגען לויט זיין איגענער פעדאגאגיק, ווייל ער איז געוועזן א לעהרער אין דער בעוואוסטער שולע פון רבי בצלאל שטערן. פון דער שולע איז לעאָן אריין אין גימנאזיום, און נאכהער האט ער געענדיגט יורי. אבער די טויערן פון לעבען זענען דאן פאר דעם יודען געוועזן געשלאסען. ער האט נישט געהאט די מעגליכקייט צו פראקטיצירען אלס יוריסט און איז אריינגעטראטען אין כאַרקאווער אוניווערזיטעט צו שטודירען מעדיצין. און נאכדעם ווי ער האט זיך פערפולקאמט אין דייטשלאַנד, האט ער זיך בעזעצט אין אדעס און האט דארט פראקטיצירט אלס ארצט איבער פערציג יאהר מיט גרויס ערפאלג.

דר. פינסקער איז אויך געוועזן פערבונדען מיט דער יודישער רוסישער ליטעראַטור. ער האט אויך ארויסגעגעבען דעם זשורנאל „ציון״ אין רוסיש. צוזאמען מיט זיין פריינד עמנואל סאלאווייטשיק; אין זיינע ארטיקלען אין דעם זשורנאל האט ער ארויסגעוויזען זיין גרויסע ליבע צו זיין פאלק; ער איז אויך געוועזן א מיטגליד פון דעם אדעסער צווייג פון דער חברה „מרבי השכלה בישראל״, און האט זעהר פיל געטהון פאר דער בעזעלשאפט. ד״ר פינסקער איז בכלל געווען א פרייגעבער מענש און זיין גאנצע פערדינסט האט ער צו־טיילט אויף פערשידענע וואוילטעטיגע אנשטאלטען.

אין דעם יאהר תרמ״א נאך די שרעקליכע פאגראמען אין רוסלאַנד האט אין איהם אויסגעוואכט דער נאציאנאלער גייסט, און בישלעכווייז איז ער געקומען צו דעם געדאנק, אז קיין אנדער וועג איז פאר יודען נישטא. בלויז צוריקציעהן נאך זיין לאַנד, ווייל די שנאה פון די פעלקער צו די יודען איז נישט קיין לאגישע, נאר א פסיכאלאגישע, וועלכע געהט איבער בירושה פון איין דור צום צווייטען.

די ווילדע פאגראמען אין דרום־רוסלאַנד האבען שטארק געווירקט אויף איהם. ער איז קראנק געווארען אויף הארץ־קראנקהייט. און איז געפאהרען נאך וויען זיך צו בעראטען מיט די דארטיגע גרויסע דאקטוירים. דארט האט ער זיך בעגעגענט מיט זיין יוגענד־פריינד, דער גרויסער פרעדיגער, דר. אדאלף יעלינעק, מיט וועמען ער האט דיסקוטירט די יודישע פראבלעמען און האט פאר איהם קלאהר געמאכט זיינע מיינונגען און וואס ער דענקט וועגען דער יודישער צוקונפט. דער וויענער פרעדיגער, וועלכער האט זאן גאנצען לעבען געפרעדיגט פריידיזם, פארטשריט און קאסמאפאליטיזם, האט בשום אופן נישט געקענט מסכים זיין צו א נאציאנאלען אידעאל, וועלכער מאכט חרוב זיין אינטערנאציאנאליסטישען בית־המקדש, און האט געזאגט פינסקער׳ן אז זיינע נייע אידעען זענען בלויז די פרוכט פון די בלוטיגע רוסישע פאגראמען, וועלכע ער האט דורכגעלעבט, און זיין האפנונג מייסט אלהם, אז די פינסטערע וואלקענס וועלען פערגעהן און די יודישע הימלען וועלען זיך אויסלייטערן פון דעם ווילדען אנטיסעמיטיזם.

פינסקער איז אין פערשידענע זשורנאלען ארויס א שטארקער פאלעמיק געגען יעלינעק׳ן און האט דאן ארויסגעגעבען זיין וואונדערבארע קלאסישע בראשורע מיט דעם נאמען „זעלבסט־עמאנציפאציע״ אין וועלכער עס ליגט דער תמצית פון דעם ציוניסטישען אידעאל. דארט זאגט ער קלאהר מיט זיין קלארער לאגיק, אז מיר האבען קיין האפנונג אויף די חסדים פון די פעלקער און אונזער הילף ליגט בלויז אין אונז זעלבסט. מיט ביטערקייט בעקלאגט ער זיך אויף דער שוואכונג פון אונזער נאציאנאלען שטאלץ, און פרעגט: „פון וואנען קענען מיר איהם בעקומען ווען מיר זענען בלויז „יודען״ אבער נישט קיין יודיש פאלק״. אבער נאכהער האט ער דערזעהן פלוצלונג די יודישע אמיגראציע נאך ארץ־ישראל, און די היסטארישע הייליגע בעוועגונג פון די יודישע סטודענטען אונטער דער נייער פאהן מיט דעם אויפרוף „בית יעקב לכו ונלכה״ (ביל״ו). און די האבען פלוצלונג געביטען זייערע געדאנקען אויף אקער־אייזענם, אז זיי האבען פערלאזען די אוניווערזיטעטן און אוועק צו זייער אלטער היסטארישער ציון צו אקערען איהרע פערלאזענע פעלדער, דאן האט ער בעקומען מוט און ... [illegible]

יודישער נאציאנאלער שטאלץ איז נאך נישט צובראכען געווארען, נאר ער איז קראנק און מען ברויכט איהם היילען.

און שטאַרק זענען זיינע ווערטער וועגען דער געגענווערטיגער יודישער לאגע: „וואס פערמאגען מיר״?

„אונזער פאטערלאנד — די פרעמדע״;

„אונזער איינהייט — צערשטרייאונג״;

„אונזער וואפע — דעמוט״ (הכנעה);

„אונזער וועדער־קראפט — פלוכט״ (מנוסה);

„אונזער אריגינאליטעט — אנפאסונג״ (חקוי);

„אונזער צוקונפט — דער נעכסטער טאג״.

וואס זענען מיר?

„א טויטער צווישען די לעבעדיגע״;

„א פרעמדער צווישען די בירגער״;

„א וואנדערער צווישען די איינגעזעסענע״;

„א רייכער צווישען די ארבייטער״;

„אן ארבייטער צווישען די רייכע״;

„א סאציאליסט צווישען די קאפיטאליסטען״;

„א נאציאנאליסט צווישען די קאסמאפאליטען״;

„א קאסמאפאליט צווישען די נאציאנאליסטען״.

„די שיף וואס אנגעלט דער ים איז שטורעמדיג, דער ברעג איז ווייט, אבער פאר א פאלק, וואס וואנדערט שוין טויזענטער יאהרען, איז דער לענגסטער

פון דער סעריע

בילדער פון גרויסע יודישע פיהרער

מעג נישט צו לאנג פאר אהם״.

אט די דאזיגע פינסקער׳ס ווערטער אין דיין זעלבסט עמאנציפאציע לייכטען ווי שיינענדע שטערען אויף די ציוניסטישע הימלען און נאך דייער לייכט געהען די ציוניסטען פאראווערטס אין דייער וועג, וועלכער איז פול מיט שטערונגען און ווערען נישט געשטערוכעלט.

דאס קליינע ספרל האט געמאכט אנאומגעהויערע הרושם אויף אלע דענקענדיגע יודען און האט געמאכט נישט קיין קליינעם רעגבן אין דעם אסימילאטאר׳שען לאגער.

ווען דער דייטשער אנטיסעמיט שטעקער איז געקאַפט געוואָרען אין געריכט, אז ער האט פאלש געשוווירען, האט פינסקער דעמאלס געזאגט: נישט אין שטעקער׳ס ליגט אונזער געפאהר, נאר אין דעם טראָפען אמת, וואס ער האט זיך אויסגעדריקט, אז „די דייטשען זענען אן ארגאניזירט פאלק אין זייער מעכטיגען לאנד און די יודען זענען וואנדערער אהן א באדען אונטער זייערע פיס״. און דאס איז דאך ליידער דער ריכטיגער אמת!

אין אנפאנג איז פינסקער געווען א טעריטאריאליסט און ער האט ערקלעהרט: „מיר ברויכען נישט דווקא אונזער הייליג לאנד, נאר א לאנד וואס זאל געהערען צו אונז און דארט וועלען מיר מיט אונז אריינברענגען אונזערע הייליגטימער, וועלכע מיר האבען געראטעוועט, ארויסגעהענדיג פון אונזער פערצייטיגען פאטערלאנד. דער מאנעטאזם און די אידעאלען פון אונזערע נביאים האבען דאס לאנד געהייליגט און נישט

ירושלים מיט דעם יודען האבען געהייליגט די נביאים. אבער נאכהער האט די ציוניסטישע בעוועגונג געווירקט אויף איהם און ער איז געווארען א פאלקאמענער חובב ציון; ער האט זיך איבערגעגעבען צו דער אידעע מיט זיין גאנצען הארץ און זיין גרויסע נשמה.

זעהר שעהן האט איינער פון זיינע פערעהרער בעשריבען וועגען איהם נאך זיין טויט:

„ווי א גרויסער ארצט האט ער ... פינסקער ... האנדעלט זיין אלט קראנק פאלק ישראל. נאך דיין אייגענען אהם איינגע מעדיצינישע מיטלען, האט זיך דער חולה אויפגעוועקט פון זיין שלאף און האט זיך אויף זיינע פיס אויפגעשטעלט און האט אנגעפאנגען צו געהן צו זיך אהיים״. „וואו איז דיין היים״? האט אהם דער דאקטאר געפרעגט: „איך ווייס״, האט דער חולה געענטפערט, „צו מיין אלטער היים, נאר דו זאלסט מיך בעגלייטען״... דער דאקטאר האט זיך זעהר דערפרייעט און האט איהם אוועקגעפיהרט צו זיין געוואונשטען פלאץ״.

דיין זכרון האט פאר אהם אויפגעבראכט א שעהן בילד פון דיין קינדהייט: ער איז אלס קינד געגאנגען מיט זיין גרויסען פאטער צו „סליחות״ אין שוהל אריין, און ווי רבי שמחה איז געקומען צו דעם פסוק: „אזכרה אלהים ואהמיה, בראותי כל עיר ועיר על תלה בנויה ועיר אלהים משפלת עד שאול תחתיה״, האט זיך רבי שמחה צוויינט „וואס וויינסטו פאטער? האט אהם דער קליינער לעאָן געפרעגט. דער פאטער האט אהם ערקלעהרט די בעדייטונג פון די ווערטער, אז אלע שטעט שטעהען פעסט, און ירושלים איז חרוב, האט ער זיך צוזאמען מיט זיין פאטער צוויינט און דאס האט פערפלאנצט „חבת ציון״ אין דיין ... דערשער נשמה.

רעליגיע, תאווה און אויסגעלאסענקייט

די מיטעל־אלטערליכע זיטע פון שמייסען די גלויביגע ביז בלוט

אין דעם טויזענדסטען יאהר פון אונזער צייטרעכנונג, מיט אונגעפעהר טויזענד יאהר צוריק, אין דער פינסטערסטער צייט, וואס די מענשהייט האט איבערגעלעבט, ווען די וועלט איז פול געווען מיט ווילדע אבערגלויבענס, און ווען מען האט געברענט און געבראטען די אלע מענשען, וועלכע האבען געהאט די העזה נישט צו גלויבען אין די ווילדע, פאנאטישע באבע־מעשיות, — האבען די קריסטליכע הייליגע, די פאטערס פון דער קירך, צוגעטראַכט א מאדנעם און א ווילדען מיטעל, וואס אלע גלויביגע קריסטען, וועלכע וועלען דאס טון, וועלען קאנען רכער זיין, אז צוליב דעם וועלען זיי אריין אין גן־עדן. דער דאזיגער מיטעל, וואס די גלחים האבען צוגעטראַכט, איז שמיץ, זיי האבען געפאדערט פון יעדען קריסט, און בעזונדערס פון יעדער קריסטין, אז יעדען מאל, ווען זיי קומען אין קירך זיך מתודה זיין אין זייערע זינד און אויסצובעטען א פערגעבונג זאלען זיי זיך לאזען שמייסען דורך דעם גלח, און נאר דעמאלט וועט זייער ווידוי און תשובה אנגענומען ווערען דורך גאט, און ער וועט זיי שאַקע פערגעבען זייערע זינד. קוים אבער וועלען זיי בלייבען נישט געשמיסען, קאנען די גלחים נישט גאראנטירען, אז זייערע עבירות וועלען זיי פערגעבען ווערען. און אז וועלען ואפריין אין גן־עדן. איינער פון די גלחים, וואס האט צוגעטראַכט דאס שמייסען, פעטער פון דאמיאַני. (דאמיאַני איז א איטאליענישע שטאט) די „שמיץ־מאדע״ האט געשטאַמט פון איטאליען האט צוגעטראַכט אנערקלערונג פאר דער נייער מאדע דערמיט, וואס ער האט אנגעוויזען אויף א פראזע אין תהילים, וואו עס ווערט געזאגט: הללוהו בתופים, — לויבט גאט מיט פויקען, — און ער האט איבערגעטייטשט דעם ארט אזוי:

— א פויק איז געמאכט פון אן אויסגעטריקענטער הויט, און אזוי ארום לויבט מאַקע דעם איבערשטען פון פולען הארצען דער יעניגער, וועלכער לאזט זיך שלאגען מיט א בייטש אדער מיטא רימען, אויף זיין אייגענער הויט, וועלכער ער לאזט פיהער אויסטריקענען דורך פאסטען און דורך מאטערן זיך.

דאס איז געוועזן די ערקלעהרונג, וואס די גלחים האבען געגעבען פאר דער שמיץ־מאדע, וואס זיי האבען איינגעפיהרט, אבער דאס איז געוועזן נישט מעהר ווי א צוגעטראכטע און געקינצעלטע ערקלעהרונג. די אמת׳ע אורזאך פון דעם האט מען, אהן צווייפעל, געדארפט זוכען אין פערדארבענהייט פון די יעניגע, וועלכע האבען דעם שמייסען צוגעטראַכט. עס איז דאך קיין סוד נישט, אז עס זענען פערהאן זעהר פיל מענשען, וואס ליידען פון א גייסטיגער אומנאטירלקייט, וואס הייסט „סאדיזם״ ד. ה. אז א מענש פיינגט א גענוס און ווערט געשלעכטליך אויפגערייצט דעמאלט, ווען ער אליין מאטערט, פייניגט, שמייסט מענשען, הויפטזעכליך פרויען, און ער זעהט ווי עס גיסט זיך דאס בלוט פון די בעשמיסענע. אט אזעלכע סאדיסטען זענען אויך, אהן א שום צווייפעל, געווען אין יענע צייטען די פערדארבענסטע מענשען, און די צווישען די גלחים, וועלכע זענען איבערהויפט געווען, האבען צוגעטראַכט פאר זיך א נייעם מיטעל, אום צו בעפרידיגען זייערע פערדארבענע נייגונגען. אבער כדי צוצוגעבען דער מאדע אנ׳אלגעמיינעם כאַראקטער, און אריינצוציהען אין דעם די צעהנדליגער און הונדערטער מענשען, האבען זיי דאס פערבונדען מיט גלויבען און געמאכט אזוי, אז יעדער גלויביגער פריסט ... [illegible]

פערעכענט ווערען פאר אן אמת־פרומען מענשען, און ווער עס האט געוואלט ארויסווייזען זיין צוגבונד צו גאט און צו זיין געבאט האט זיך געמוזט לאזען שמייסען ביז בלוט.

די האבען דערגרייכט זייער צול, און די „שמייסערייי" איז זיך פערגאנדערטגעוואקסען אין א ריזיגער פאלקס־בעוועגונג, וואס האט בעקומען דעם נאמען „פלאגעלאנטיזמוס״ און די אנהענגער פון וועלכער עס האבען זיך אנגערופען „פלאגעלאנטען״.

ס׳פערשטעהט זיך, אז דער גאנצער עולם פלאגעלאנטען זענען מאקע צום גרעסטען טייל געווען מיט גלויביגע, און זיי זענען מאַקע הייליג איבערצייגט געווען אין דעם, אז אויף דעם וועג וועלען זיי אראפברענגען די גאולה אויף דער וועלט, און אז זיי בעקעמפען דעם שטן, אבער צו דער בעוועגונג זענען אויך צוגעשטאַנען זעהר פיל אזעלכע מענשען, וועלכע האבען זעהר ווייניג אמונה געהאט אין דער פרומער טאַט פון שמייסען, און אויך אנדערע פערברעכער, וועלכע אונטער דער מאַסקע פון ברענגען די אויסלייזונג אויף דער וועלט דורכ׳ן פלאגעלאנטיזמוס אפגעטון די שענדליכסטע זאכען, האבען געפראוועט די אויסגעלאסענסטע שפיצלעך מיט די פרומע פרויען, האבען זיך באנדעסווייז געצויגען פון דארף צו דארף, און האבען איבעראל, וואו זיי זענען נאר געקומען, מיט געוואלד ארויסגעשלעפט פון די הייזער אלע מיידלעך און ווייבלעך, עלטערע פרויען און קינדער האבען אלעמען זיך געהייסען אויסטון נאקעט, און זאגענדיג אז דערמיט ראטעווען זיי די וועלט. האט מען די פרויען צושונדען די לייבער, אזוי, אז בלוט האט זיך געגאסען ווי וואסער. און נאך דעם האט מען אויך אלע פרויען געשענדעט, און דערביי האט זיך קיינער נישט געטאָרט ענטקעגען, ווייל ווען א מאן, אדער א פאטער, אדער אנ׳אנדער קרוב פון די געשמיסענע פרויען האט נישט געוואלט דערלאזען צו דער שענדליכער סצענע, האט מען איהם באלד אוועקגעשלעפט אין אינקוויזיציע אונטער דער בעשולדיגונג, אז ער איז נישט קיין גלויביגער, קריסט, און די גלחים, וועלכע זענען דעמאלט געוועזן די הויפט־הערשער אין אייראפא, און אויף וועמען קיין קלאגער און קיין ריכטער איז נישט געווען, האבען דעם ווערשפענען געלאזט פערברענען לעבעדיגערהייד.

ווי מען האט „תשובה״ געטון אין די קלויסטערם

זעהר פערשפרייט איז געווען דאס שמייסערייי אין די קלויסטערם, און זינט דער פלאגעלאנטיזמוס איז איינגעפיהרט געווארען, זענען צו די קלויסטערם צוגעקומען זעהר פיל נייע מאנאכען און מאנאשקעס, אלץ מענשען, וועלכע האבען איינגעפונען א בעזונדערען פערגעניגען און א בעזונדערע לוסט אין שמייסען אנדערע און אויך איז אליין געשמיסע ווערען ווייל אין געגענטייל צו דעם סאדיזם זענען פערהאן אנדערע אומנאטירליכע מענשען, וואס זייער קראנקהייט בעשטעהט אין א בעזונדערער לוסט־עמפינדונג, בעת זיי ווערען בעמאטערט געשמיסען. אזעלכע מענשען הייסען מאזאכיסטען. און צווישען די פלאגעלאנטען זענען אויך געווען מענשען פון דעם סארט.

די שמייסערייי איז געווארען די וויכטיגסטע גאטעס־דינסט אין די קלויסטערס. און די מאנאכען און די נאנעס האבען זיך אפגעגעבען דעם „דינען גאט דורך שמייסען״. און אנטהערפ׳הה בין שבעט און דער ... [illegible]

נאכט. מען האט געשמיסען אויף צוויי ארטען — די אזוי־גערופענע „איבערשטע תפילה״. און די „אונטערשטע תפילה״. די „איבערשטע תפילה״ איז בעשטאַנען אין געבען שמיץ אויף דעם איבערשטען טייל פון קערפער און אויף די הענד, און די „אונטערשטע תפילה״ איז בעשטאַנען אין פערטיילען די שמיץ אויף דעם אונטערשטען טייל קערפער און אויף די פיס. „דערבײַ״ האט מען פאר יעדער סארט עבירה בעשטימט שמיץ אויף אנ׳אנדער טייל קערפער, און די מענער פלעגען געשמיסען מיט דער „איבערשטער תפילה״.

זעהר אפט, בעזונדערס אין די ערשטע צייטען, ווען מען האט זיך נאך אביסעל געשעמט, זענען די שמייסערייען פארגעקומען אין שטיבער, אבער שפעטער האט מען אנגעהויבען הרכצופיהרען די צערעמאניעס אין די הייפען און אויף פרייע פלעצער, ווייל מען איז געקומען צו דעם אויספיהר, אז דער אגועדה פון אזעלכע „הייליגע״ בעשטראפונגען ווירקט זעהר גוט אויף אנדערע מענשען, און הירכרעם ווערט פערקלענערט די צאהל עבירות. צווישען די פלאגעלאנטען זענען געווען אמת׳ע העלדען, וועלכע האבען אהן אויפהער געקאנט שמייסען יענעם און אליין געשמיסען ווערען.

דער פלאגעלאנטיזמוס האט מיט דער צייט אלץ מעהר און מעהר פערכאפט. די מענשען, און די גלחים האבען צוגעטראַכט און פערשפרייט פערשידענע מעשה׳לאך, כדי נאך מעהר איינצופעסטיגען דעם עולם אין דעם גלויבען, אז שמיץ — דאס איז דער מייסטער מיטעל אויף בעליבט צו זיין ביי גאט, און אז דער הייל מעל אליין פערלאַנגט פון פרומע קריסטען זיי זאלען זיך לאזען שמייסען און דערמיט אויסקויפען זייערע זינד. אזוי האט מען אין יענער צייט דערצעהלט פאלגענדע מעשה:

איינער א רייכער מענש פון פאריז, וועלכער איז אויך געוועזן א פרומער קריסט, האט זיך קיינמאל נישט געלאזט שמייסען, צוליב ברעם, וואס ער האט געהאט זעהר א צארטע הויט, און ער איז געוועזן זיכער, אז ער וואלט קיין שמיץ נישט אויסגעהאלטען. נאך זיין טויט אבער איז ער געקומען דינעם א פריינד צו חלום און האט זיך בעקלאגט פאר איהם ווי שלעכט און ביטער עס געהט איהם אויף יענער וועלט, און דאס איז אלץ דעריבער, ווייל ער האט זיך ביים לעבען נישט געלאזט שמייסען. „אין דעם גאנצען גיהנום איז קיין איין טייוועל נישט געבליבען — האט ער דערצעהלט — וועלכער זאל מיך נישט שמייסען היינט־טעגס איינמאל און וואך״.

און מיט אזעלכע באבע־מעשה׳לעך האבען די גלחים דערגרייכט וואס זיי האבען נייטיג געהאט, און דורכדעם איז געקומען דערצו, אז דער פלאגעלאנטיזמוס איז געווארען א זעלבסטפערשטענדליכע פליכט פון יעדען גלויביגען מענשען, א פליכט, פון וועלכער מען טאר זיך נישט צוריקציהען, אויב מען וויל נאר נישט אנגערופען ווערען פאר אן אפיקורס.

נאך מעהר קומט.

דער רעצטער חשבון

דערצעהלונג
— פון —
מ. ברייטמאן

אַז זלאַטע־דאָבע האָט נאָך זיך פערמאַכט די טיר, האָט אַ ווילדער צאָרן אַראָפּגעדראַפּעט די גאַנצע מילד־קייט פון חיים מנשה׳ס פּנים.

אויסער זיך פון כעס, הייבט ער אויף זיין האָ־ריגען קולאַק און וויל אַ זעץ טאָן אין טיש אַריין, אָבער דאָך הייבט דבורה בעהיטזאַם אונטער צו כאַפּען זיין שווע־רע האַנט. זי סיקעט דורך די ציין.

— „רג משוגענער, מ׳וועט נאָך דערהערען!

דער כעס שטיקט איהם, און חיים צוכראַפּעט זיך ווי אַן אָנגעבערגעשטאָפּטע גאַנז:

— „וועסט זעהן, די די כלבוגיצע, וועט אונז נאָך פערגעהן די יאָהרען!

— „שאַ, שאַ, חיים מנשה. שטילער! זי קען דיך אונטערהערען...

און זי לאָזט זיך צו דער טיר, מאַכט זי רעש אויף, טרעפט נאָך זלאַטע־דאָבין אין גלעזערנעם קאָרידאָר זיך שלעפּען מיט די ליבע אַלטעטשקע טריטעלעך, און נעמט זיך זי אַרויסבעגלייטען, ווי אַ גאַסטפריינדליכע באַלע־באַטע איהר אַנאַנגעלייגטען גאַסט. דער קאָרידאָר איז אַ גרויסער און איז אויסגעשפּרייט מיט אַ טייע־רען אַלטמאָדישען קילים.

דבורה רוקט אונטער זלאַטע־דאָבין אַ פּעקעלע, און מעלכען סצעפּיט זיך אַ פּאָר שטיקלעך האָניג־לע־קעך און עטליכע פלעצלעך:

— „נאַ, זלאַטע־דאָבע, וועסטו האָבען צו דער טעה.

זלאַטע־דאָבע וויסלשעוועט רגיפה׳דיג און מיט אַ תרעומה־ניגון:

— „אַ דאַנק, אַ דאַנק, דבורהניו! נישט אומזיסט האָט דיך דער אויבערשטער איינגערעכט... פאַר דיין גוט האַרץ... נאָר פאַר דיין גוט האַרץ, דבורה לעבען...

— „קום אַריין, זלאַטע־דאָבע, מאַכט זיך אַ קליי־נעל, אַנ׳אַלט קאַסטל... כאַפּט דיך אַריין!

— „אַ דאַנק, אַ דאַנק!

ביים אַרויסגעהן קוקט זיך זלאַטע־דאָבע אַרום, גלייך ווי ערשט איצט האָט זי בעמערקט דעם טייערען קילים אויף דער פּאָדלאָגע.

זי בוקט זיך אַן, בעטאַפּט איהם, און זאָגט מיט אַ חן שמייכעלע צו דבורהן:

— „לעבט נאָך ביי דיר באַלעסלאַווסקיס קילים? אַ ביסעל זיך אויסגעליגען ביי דיר, דבורהניו, פאַר־בעהאַלטען ביז ער האָט ווידער דערזעהן די ליכטיגע שיין... חי, חי, חי, זי צולאַכט זיך מיט אַ דין קולכל, און דריבנע, דריבנע, גלייך ווי אַרבעסלעך האָבען זיך צושיט איבער דער פּאָדלאָגע.

זלאַטע־דאָבעס זאַג און איהר גיפטיג געלעכטערל שטעכען דבורהן, ווי לאַנגע שוסטערישע אָלען, אָבער זי מאַכט אַ זיס פרום פּנים, גלייך ווי זלאַטע־דאָבע האָט דערמאָנט אַנ׳אַמאָליגע אָפּגעטוענע קינדערישע שטיפעריי, וועלכער איצט אין די עלטערע יאָהרען איז נישט כדאי און ס׳איז אַפילו אַ בושה זיך צו דערמאָנען. זי פערשנאָרעוועט אַ פרום פּיסקעל און גנפערט:

— „וואָס איך קומט און קאָס אַריין, זלאַטע־דאָ־בע! אַלטע נאַרישקייטען!

און ביידע ווייבער דבורה די היינטיגע גבירטע און שטאָט־גבאַלטע און זלאַטע־דאָבע די קבצנטע פונ׳ם קליינעם קליינשטעטעל מיט עטליכע פערשטויבטע פלעש־לער, און געמוזלקענטע קריטעכצער, שטעהען איינס אַנ׳ם אַ קעגען סטאָנדערע מיט פרומע מינעס מיט פער־גלאָצטע אויגען צום הימל. אָבער מיט אַ בייסיגער שנאה אין האַרץ.

— „אי, אי, אי... אַוועק. אַוועק די יאָהרען!

— „נישט צו פערזינדיגען, נישט צו פערזינדי־גען, גאָטעניו!

*

חיים־מנשה קיקעלט זיך איבערן צימער ווי אַ פעסעל אויף דינע קורצע, גראָבע פיס דער קאָרק אין אַלעם אָנגעגאָסען מיט בלוט און פון זיינע האָריגע ברעמען אַפּיר, גרויען זיך צוויי שמאָלע פּאַסיקלעך שטאָל. ער בעגעגנט דבורהן אַנ׳אויפגעקאָכטער.

— „דבורה, איך זאָג דיר, אַז זי איז געקומען אויף מיינע יאָהרען!

— אָבער חיים־מנשה בערוהיג דיך, וואָס שרייסטו? פאַנאַ נישט דיין טבע!

— איך וויל נישט זי זאָל קומען צו אונז אין שטוב אַריין! שוין לאַנג זיך אָפּגעקייפט און אויס מחותן־פּנים! אייניק זאָל עס נעמען מיט איהרע ווייטען!

— חוצם ער אין טיש אַריין און כעסט זיך.

און דבורה, אַ ברייטע פעטלאַסטע גאַנג, רוהיגע, אַ פּעטרוגע, מיט אַ געפּאָלדעוועטען, דרייגאַרנדיגען גוי־דער, מיט גרויסע שוואַרצע בריליאַנטען, און זאָגט און גע־מעלעך. זי איז פול מיט גוטסקייט און מיט פשטות. זי בערוהיגט חיים־מנשהן:

— פאָלג מיך, מען פערקעהרט, ס׳איז נאָך שענער: אַ געוויסע שטוב, מ׳טיילט צדקה, די רייכען זיך ביי אונז אַרומע לייט... מיר זענען דאָך, אַ דאַנק זיין ליבען נאָמען, פערמוגנדערט, טיילען מיר מיט דער ברייטער האַנט קומען זיי צו אונז, אָרימע לייט, שלעפּערס, וועמען איז קאָן אַריין וואָס זי קומט אויך, זלאַטע־דאָבע, וואָס זי קאָן אונז אויסאַרבעטען מישטיינס געזאָגט בעדינערען.

אָבער חיים־מנשה פערשטעהט אַנדערש:

— זי האָט שוין פערגעסען אַפּנים ווער די פּוק־סיכע איז! זי איז אַ נקבה מיט אַפּעטיטען! זי קאָן פרעקירען... זי וועט דיך בעראַבען און מיטשלעפּען אַלעס מיט זיך... איך געדענק זי נאָך גוט פון פריה־ער, אַז ס׳פלעגט זיך איז איהר צושפּילען די בלוט, פלעגט זי קריכען דעם שד גלייך אין די ציין אַריין, איינשטעלען אַלס און אַוועקלעגען אין קאָן, אָבער איהר גבורה אַרויסצווייזען און אַלהים אויסצופירען.

אָבער דבורה בערוהיגט איהם פּאַמעליך, שטיל און געלאַסען. חיים־מנשה זעצט זיך צו צום טיש, אַ פערהוליטער און אַ צו זיך געקומענער. זיי שמועסען בשתיקה זיך, און לאַנג וועבט זיך זייער שמועס אין דער נאַכט וועגען דעם, אַז גאָט האָט זיי געבענטשט מיט פיל האָב און גוטס, אַז דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס איז געוואָרען, אַריינגעגנבה׳ט פון קלויס־טערס און פון פּריצישע הויפען דורך גנבים, גנבתע ברו־דער, הפקר־יונגען און שיכורים און זיי פערגעבלי־בען, וואָרים אַזוי איז מסתם געווען דעם אייבער־שטענס רצון. און ס׳איז כמעט פון יעניגע פון דער חברה שוין קיינער נישט פערבליבען... און דאָס לעבען איז איצט ביי זיי, זאַט, רוהיג און זיכער.

און שפּעטער ווען זיי זענען געגאַנגען זיך לייגען שלאָפען, האָט זיך דבורה פּלוצים דערמאָנט אין זלאַ־טע־דאָבעס גיפטיגער בעמערקונג וועגען קילים אין קאָרידאָר, גיט זי זיך אַ זאָג, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אַ שטילע ווייבערישע עצה:

— און אפשר איז טאַקע גלייכער זי אָפּצוגלוי־בען, די פּוקסיכע, אַ רוח אין איהרע ביינער!?

חיים־מנשה ווערט וואַרעם ביים האַרץ: ער דער־פיהלט אין זיין איצטיגער דבורהן די אַמאָליגע געזונ־טע מויד, מיט די שמאָלע, פערנאַסטע אייגען, מיטן זשעדנעם פּיסק, מיט וועלכען מ׳האָט געקאָנט אַ וועלט פערושערען, און וועלכע איז איהם ביגעשטאַנען אין אַלע זיינע נויטען. זי האָט געדינט פאַר רייכע באַלעבאָ־טים און די ערשטע אונגעריבטע זאַכען האָט ער אויס־בעהאַלטען ביי איהר, ביי זיין כלה, צו וועלכער ער איז געגאַנגען אין קיך אַריין. און בעהאַלטען האָט זי געקאָנט און „אָפּשטעקען" די חפצים וואָס זי האָט געקאָנט, אַ כהאַט: און איצט, דערהערענדיג איהר עצה, שפּרינגט ער אויף פאַר פריד, ער גיט איהר אַ פּאַטש פול מיט ליבשאַפט אין דער גראָבער פּלייצע, און וועלכע די דאַגר זינקט אַריין ווי אין אַ שטוים חזיר־שמאַלץ: ביזט אַ מאַלאַדיעץ, מיין ווייב!

*

צווישען נוישע פּליטען, ליים־גריבער, דורך אַ בלאָ־טיגען יאָהר, און וועלכע ס׳וואַלגערן זיך סקעלעטען פון געפּיינגערטע פערד און צעקוועטשטע, אָפּגעקראַכענע קעץ, שלענגעלט זיך אַ סטעזשקע צו גאַווריללען דעם שניידער.

די נאַכט איז טיף און פינסטער. אַ שאָטען גנבעט זיך שפּעט צו גאַווריללען, קלאַפּט אָן אין איין שייבעלדיגען פענסטערל פון די האַלב־חורבן הייזעל.

גאַווריללע, דערזעהענדיג פאַניע מנשקהן, ווערט נשתומם:

— וואָס איז פאַניע מנשקה, וואָס האָט דיך גע־בראַכט צו מיר?

מאַך אויף תעל איך דיר זאָגען.

און שטיבעל איז אַ שווערער ריח פון נבלה און שאָפּענער מילך. קיין ליכט צינדט מען נישט אָן.

— נו וואָס, מנשקה, רעדט שוין.

— העי זשע, גאַווריללע — מאַכט צו איהם חיים־מנשה. אַז די יונגע יאָהרען האָבען מיר געהוליעט.

— יאָ, געווען גוטע יאָהרען, — כאַפּט אונטער גאַוו־רילע — פרעהליכע יאָהרען.

און חיים־מנשה רעדט ווייטער:

—אויף וועמען דער גורל געפאַלען, דער האָט בעצאַהלט מיטן לעבען: ווער אויף דער תליה און ווער פערשמיסען געשלעפּט דורכן סטראָי און ווער אויף די פּלעצער איז פערגאַנגען געוואָרען דורכן תליין.

און גאַווריללע קרעכצט: זיך קראַצענדיג אין דער פּאַפּאַכע:

— עך, עך... רעדעט, קאַפּאַ, טייערע ברידער לאַ־זשנקיס, וואוילע יונגע געווען... — „אונז האָט גאָט געשענקט דאָס לעבען... רעדט ווייטער חיים־מנשה — מיר האָבען זיך גענומען אויף כשרע חענען און דאַנ־קען גאָט מיר האָבען פּרנסה... אָבער ווייסטו, גאַוו־רילע, אַז איין וואָרט קאָן אויף אונז נאָך ברענגען אַ גרויסע צרה, און אונזערע אַלטע ביינער וועלען נאָך פערפוילט ווערען ערגיץ אויף דער קאַטאָרגע אין סי־ביר...

— „דאָס וויל איך נישט, פאַניע מנאַשקע. נישט פאַר אונזערע יאָהרען דאָס איבערצופּראַגען! אָבער וואָס איז געשעהן, וואָס דו האָסט פּלוצים מורא בע־קומען?

— „הערושע! און חיים־מנשה בוקט זיך צו נעהנ־טער צו גאַווריללען — „הערושע, די אַלטע פּוקסיכע בראָיעט עפּיס...

— ווער? די אַלטע זלאַטע־דאָבע? נו, און איה־רע פּלעשלעך?

— שוין אַ שטיקעל צייט ווי זי בראָיעט... קומט צו מיר אין שטוב, רייד זאָגאַרעט און וויל אָנמאַכען צרות...

— אָבער וואָס וויל זי?

— זי איז ברוגז אויף גאָט, וואָס מיך האָט ער איבערגערעכט און זי פערשאָלטען... צוגענומען ביי איהר דעם מאַן, די קינדער, און נישט לאַנג דאָס לעצטע איי־ניקעל...

— אַזוי, בעהט זי געגען גאָט?

אַזוי, גאַווריללע, זי וויל תשובה טון, דאַרף מען איהר פערמאַכען דאָס מויל... אילא נישט, וועט מיט אונז חלילה אַ גרויסער אומגליק געשעהן.

— „זיי רוהיג, מנאַשקע. דאָס פינגעטו און גאַוו־רילע איז שוין טאַקע אַ צוברעכענער בעטלער!...

*

און איינמאָל אין אַ אַנדערפריה, האָט מען זיך נישט געקאָנט דערקלאַפּען צו דער אַלטער זלאַטע־דאָבע פון די קריטשכצער.

אַז מען איז אַריין דורכן הינטערשטען אויסגעריסע־נעם פענסטערל אָן אַהער שטיבעל אַריין, אַלעס איז געווען אויף זיין אָרט נישט גערירט. און די, זלאַטע־דאָבע, האָט מען געטראָפען ליגען אויפ׳ן בעט, איינגע־דעקט מיט דער קאָלדרע, ווי אַ רוהיג איינגעשלאָפענע, אָבער מיט אַ טיף איבערגעשניטענעם האַלז ביז צום ביין.

בלויז פון מויל האָט איהר געפעלט די צונג. און דערקענט האָט מען, אַז דאָס שטיקעל אַרבייט, האָט אָפּגעטאָן אַ האַנד פון אַ מומחה.

בריטשאַן, בעסאַראַביע.

די הויט־קראַנקהייט,

מעדיצינישער אַרטיקעל פון ד"ר ה. רוזשאַנער

אין דער מעדיצין איז דאָס קוואַליפיצירען פון קראַנקהייטען אָבהענגיג פון אַ סך אומשטענדען. גע־וויסע קראַנקהייטען זענען אָבהענגיג פון אָרטאַגען, אַנ־דערע — פון דער תקופה אין יאָהר. נאָך אַנדערע — פון אויסערליכע פאַקטאָרען. עס זענען אויך פערהאַן קראַנקהייטען, וועלכע זענען אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ געוויסען עלטער, פערשטעהט זיך, אַז מיט אַ כאַר־בעהאַלט, ווייל קיין אַבסאָלוטע רעגעלען זענען אין דער מעדיצין נישטאָ. דער בערימטער פּראָפעסאָר קאַמב פערגלייכט אין דער דאָזיגער הינזיכט די מעדיצין מיט ליבע, ער זאָגט: „נישט אין דער מעדיצין און נישט אין ליבע קאָן מען נישט זאָגען שטענדיג און נישט קיינמאָל". אָבער אין אַלגעמיין מוז מען זיך רעכע־נען מיט די רעגעלען.

מיר ווייסען, אַז סקלעראָזע און דאָס טרעפען זיך זעלטען אין דער יוגענד, פּונקט אַזוי גוט, ווי מאָזלען איז נישט קיין קראַנקהייט פון עלטערע מענשען, אַזוי גוט ווי עס זענען דאָ אַזעלכע רעגעלען פאַר דער אַלגע־מיינער מעדיצין, זענען די אויך פערהאַן אין דער דער־מאַטאָלאָגיע, וואו דאָס בייסעניש פון זקנים איז אַ קראַנק־הייט פון העכערען עלטער, און די פּאָקרושקע, וועגען וועלכע מיר וועלען טאַקע רעדען אין היינטיגען אַר־טיקעל, איז אַ קראַנקהייט פון דער פריהסטער יוגענד.

די קינדער־פּאָקרושיווע, וואָס איז אַ פּלאָג נישט נאָר פאַרן קראַנקען קינד, נאָר פאַר די גאַנצע סביבה, טרעפט זיך אַמעהרסטען ביי גוט־ערנעהרטע קינדער אין פערמעגליכע פאַמיליעס. די דאָזיגע קראַנקהייט ענטשטעהט געוועהנליך אין דריטען חודש פון לע־בען. דאָס קינד קרימט זיך, דרעהט זיך אין וויגעל, האַלט אין איין וויינען. זעהר אָפט איז דער אָנפאַנג אין אָוונט אָדער ביי נאַכט; דאָס קינד וויינט, ס׳איז אוודאי הונגע־ריג, און די מוטער שטופּט אַריין דעם קינד די ברוסט, כדי איינצושטילען דעם הונגער פון איהר עו־פעלע, די בעאונרוהיגונג האַלט אָבער אָן נאָר אַ ווי־לע, און דאָס געוויין פון קינד רייסט ווידער אַרויף די שטילקייט פון דער נאַכט.

נישט הונגער האָט אַרויסגערופען דאָס געוויין, נאָר אַ צווייטער פאַקטאָר, וואָס איז נאָר דער היפך — אַ איבער־מעדרונג, אַ איבערפאַקונג. אָבער די מוטער ווייסט דאָך נישט דערפון, און וועט דאָך נישט געהן צום דאָקטאָר מיט אַזאַ קלייניגקייט, בפרט, אַז דאָס קינד קראַצט זיך און עס קאָן נאָך, חלילה פאַלען דער מינדעסטער חשד וועגען דער געוועגענדער אויפזיכט און ריינליכקייט — ניין, צום דאָקטאָר נישט. צוערשט ווערען אויסגעפּרוווט פיל עצות פון שכנ׳טעס און בעקאַנטע, מען פערגרעכערט די צאָל פון נאַהרונג־ען, דאָס קינד ווערט זעהר נערוועזיש, די סביבה — העס־גלייכען.

וואָס איז צומייסטענס פערשפּרייט ביי קינדער

אַזוי געהען פערביי עטליכע חדשים, ביז עס שווימט אויף אַ שפּאָגעל־נייע ערקלערונג, אַלס סיבה פון דעם קינדס געוויין: דאָס קינד בעקומט ציינדלעך. „גלייבען די מוטער, זי האָבען נישט וואָס מורא צו האָבען פערזיכערט אַ שכנטע, „זי ווייסען דאָך איך בין אַ געפּראַוועטע מוטער, און האָב אויך דאָס זעלבע מיטגע־מאַכט און האָבי ברוך השם אויסגעצויגען זייטישע קינדער. מאָ׳לע וואָס עס מאַכט זיך אַלץ נישט ביי קינ־דער ווען זיי קריגען ציינדלעך!" אָבער, אַז עס איז שוין ווירקליך נישטאָ קיין אויסוועג, קומט מען שוין מיט דעם אַרעמען קרבן פון פאַלשער שאַנדע און „זיכערע" עצות צום דאָקטאָר. מיט אונגעדולד אין גרויל האָרכט די מוטער אויס, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט. מיט אומצו־טרוי, דערפאַר ווייל ער הייסט נישט געבען דעם קינד קיין סך נאַהרונג, נישט געבען די אַזוי שטאַרק בעליבטע זאַכלעך און אייעלעך איז, וואָס עס ליגט זיך שוין נאָר גישטאַווין שכל, ווייל ער בעהויפּט אַז אויף אַ פולשטענדיגע גענעזונג מוז מען וואַרטען לאַנגע חדשים און אַפילו... עטליכע יאָהר, ווייל ערשט אין 5—6־טער לעבענס יאָהר ווערט די דאָזיגע קראַנקהייט געוועהנ־ליך פערשוואונדען.

וואָס איז דאָס אַלזאָ אין אמת׳ן פאַר אַ גרויסע פּלאָג, וואָס מאַטערט איהם און לאָזט נישט קיין רוה נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט, נישט זומער, נישט ווינטער? (מען מוז צוגעבען, אַז ווינטער איז דער פער־לויף פון דער קראַנקהייט אַ סך, אַ סך מילדער, ווי זומער) פון וואַנען נעמט די קראַנקהייט איהר קוואַל?

די דאָזיגע קראַנקהייט שטאַמט פון מאַגען־איינ־דאַרעם־טראַקט. קינדער, וואָס זענען איבערגעפאַקט, וואָס ליידען אויף עצירות, ווערען אָדער אָפט קראַנק אויף די כראָנישע קינדער־פּאָקרושיווע.

אין אָנהויב קומט אַרויס באַמבלען אין דער פאָרם פון פּאָקרושיווע, איבערהויפּט אויפן בייכעל, פּלייצעלעך, שפּעטער אויך אויף די פּיסלעך. די דאָזיגע באַמבלען ווערען פערשוואונדען, קומען אָבער באַלד צוריק, דער־נאָך בילדען זיך קליינע קנויטלעך, וועלכע שווענדשען שרעקליך, אַזוי, אַז אויף דעם קערפּערל זענען אויסער זיי אויך צו בעמערקען סמנים פון דעם קינדס נעגע־לעך. די קראַנקהייט איז אַליין פאַר זיך נישט געפעהר־ליך, זי קאָן אָבער געפעהרליך ווערען, ווייל דער גאַנ־צער אָרגאַניזם ווערט אונטער דער אויסמאַטערנדער ווירקונג פון כסדר׳דיגען שווענדשען אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט: דאָס קינד שלאָפט נישט, עסט נישט, פערדייט שלעכט, דער נערווען־סיסטעם ווערט שטאַרק אָפּגעשוואַכט און צוזהדערט. דערביי דאַרף יעדער פער־נינפטיגע מוטער ביי די ערשטע ערשיינונגען פון דער דאָזיגער קראַנקהייט בעראַטען זיך מיט אַ דאָקטאָר און נישט אינפאָרמירען זיך ביי פּלומרשט ערפאַהרענע פערזאָנען.

ביים היילען די דאָזיגע קראַנקהייט שטעהט דעם דאָקטאָר צו הילף אַ גרויסער אויסוואַהל פון מיטלען, נישט נאָר אויסערליכע, און אינערליכע, נאָר אויך די פיזיקאַלע טעראַפּיע האָט דאָ אַ השפּעה. אָבער דאָס היילען פערלאַנגט דאָ נישט בלויז געהעריגע מיטלען און מעדיצינישע אָנווייזונגען.

ווי אַ דיעט מיט אַ גרויסער צאָהל אייער, קאָמפּאָטען גמוזע, ווייניג פלייש, אויסמיידען שאַרפע מאכלים, עס זענען ראַטזאַם שוועפעל־בעדער, אָדער פון קלייען, און אינערליך ווירקט גוט טראַן. עס פערלאַנגט זיך אַ גרויסער מאָס געדולד און אינטעליגענץ מצד דער מוטער, ווייל נאָר אין דעם פאַל קען מען זיך ריכטען אויף אַ שנעלע אויסהיילונג אָדער לכל הפחות אויף אַ צופירען די קראַנקהייט צו אַ צושטאַנד, אין וועל־כען דאָס קינד וועט נישט אַזוי שטאַרק ליידען ביז מאָמענט, ווען עס וועט ענדליך פולשטענדיג זיך בעפ־רייען פון דער דאָזיגער קינדער־קראַנקהייט.

אַ קראַנץ פּערל פון תלמוד און מדרש

ווען דו האָסט שוין געפונען די געלעגענהייט, זאָל־סטו נישט וואַרטען אויף אַ צווייטער געלעגענהייט.
(פסחים).

* * *

לערנט די תורה כדי איהר זאָלט געלערנט ווע־רען פון דער תורה.
(ברכות י"ג).

* * *

דער שכר פאַר׳ן פאַסטען אינ׳ם טאָג פון אַ תע־נית איז די צדקה וואָס מגיט אין דאָזיגען טאָג, ווייל דאָס פאַסטען דערוועקט דעם מענשען צו געבען צדקה.
(סנהדרין ל"ה).

* * *

די וועלט נויטיגט זיך אין אַ פּערפום־מאַכער און אין אַ גאַרבער, דאָן איז וואויל דעם, וואָס זיין מלאכה איז פּערפומעריי.

די וועלט נויטיגט זיך אין זכרים און אין נקבות, דאָך איז בעסער דעם, וואָס זיינע קינדער זענען זכרים.
(פסחים ס"ה).

* * *

דאָס בעסטע קומט צו לעצט.
(ב"ר פע"ח).

* * *

ראש־השנה איז דער יום־טוב, וואָס די לבנה בע־ווייזט זיך נישט.
(ר"ה ח.).

* * *

ווען איינער ווערט פערשעמט, געהט אַוועק די רויטקייט פון זיין פּנים און עס קומט אַ ווייסקייט.
(ב"מ נ"ח).

* * *

בעטען איז אַנאַרבייט, וואָס ווערט געטאָן מיטן האַרץ.
(תענית ב.).

קיין מענש טוט נישט קיין עבירה, סיידען ער בעווייזט זיך נישט.
(סוטה ג.).

* * *

אַ פרוי שעהמט זיך צו געהן צום בית־דין.
(יבמות מ"ב).

* * *

מ׳טאָר נישט האַלטען אַ ווייסענשאַפטליכע דרשה פאַר אַניעולם, סיידען מ׳זאָל פריהער פאַר זיך אַליין איבערחזרן דריי, פיר מאָל.
(שמו"ר ח).

* * *

אַ מענש טאָר נישט אַליין זיך מאַכען אַ וואונד אויפ׳ן קערפּער.
(ב"ק צ.).

* * *

מ׳טאָר נישט איינקויפען אַ בהמה, אַ חיה, אָדער אַ עוף ביז מ׳האָט פריהער נישט אָנגעגרייט פאַר זיי שפּייז.
(ירושלמי יבמות פ. ט"ו).

* * *

פלאַנצונגען וואָס גיבען פרוכט, טאָר מען נישט אויסהאַקען.
(ב"ק צ.).

* * *

מ׳טאָר קיינמאָל נישט זאָגען צו קיין מענשען: זינדיג, כדי דו זאָלסט קאָנען תשובה טון. מאַך שלעכט, כדי דו זאָלסט קאָנען אויסבעסערן.
(תוספתא דחלה פ"א).

בעזאַמעלט דורך:
א. שלעזינגער

דאס לעבען פון א יודישער אקטריסע
דערצעהלט פון דער בעריהמטער שוישפילערין עמיליע אדלער

געשריבען ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט" פון זלמן זילבערצווייג

די מאמע אונזערע, וועלכע איז געפאהרען קיין וואַרשא וועגען פרנסה, האט זיך נאך אונז פערבענקט און נאך פסח איז זי צוריקגעקומען אין טאמאשאוו. קיין אויסגעכטען אויף א גוטע פרנסה דא האט זי געשט א״געוועהען און זי האט דעריבער בעשלאסען צו־קלויבען קיין וואַרשא. אבער שוין מיט אונז. דאס האט זי געוואלט־אבער מען איז זי נישט געווען אום שמאנד. און דעריבער איז זי געבליבען, אז מיר זאלען אלע אריבער פאר מצות, ערשט צו פערדינען אויף הוצאות. די מאמע האט געוועלגערט, איך האב גענאַ־מען וואסער. די אנדערע קינדער האבען אויך עפּיס גענומען און צוזאמען האבען מיר פערדינט אויף הוצאות קיין וואַרשא. דערווייל האט מען אבער אנגעהויבען אפצולייגען די נסיעה פון וואך צו וואך ביז אזוי איז געקומען שבועות. דא האט מען זיך דערוואוסט, אז דער פריץ וויל מענשען צו פליעוען (אוסטרייכען וועלכע גראבען און פעולות צווישען די געוויקסען). מיין מאמע איז באלד געווארען אנ'אונטערנעהמערקע. זי האט אנגענומען עטליכע מענשען, און מיט זיי ארויס אין דארף. מיטגענומען מיך, די אנדערע קינדער גע־לאזט ביי אלטע מוטער, געקויפט גריע טעפ און א גרוי־סען קעסעל און דארט געשטעלט זיך קאכען מילכיגע עסען פאר די ארבייטער. געקאכט האט זי פענטשאַק מיט באבעלעך, קארטאפעל מיט פוטער, אדער מיט זוי־ער־מילך. דאס קאכען און פארטעקטען אזוי ווי ביי צ׳יגייגער אויף א דרייפוס, אויף וועלכען מען פלעגט אנהענגען די טעפ. שבת פלעגט די מאמע מאכען שוין פר״טאג אנדערפריה. דעמאלס זענען מיר בידע אי־ה״מעגאַנגען. פלעגען מיטנעהמען עסען פאר די קינ־דער און מאנטאג אנדערפריה פלעגען מיר צוריק־לויפען אין דארף.

אבער פריילעך אויס'ן הארץ איז דער מאמען פארט נישט געווען און איהר שווער געמיט האט זי אויסגעדריקט אין די קינות, וועלכע זי האט געזאגט תשעה־באב. איך געדענק ווי איך האב דעריבער אפּ־געשפילט מיין ערשטע „ראל". א סך ווייבער זענען געזעסען תשעה־באב ביי „רחל'ע די צדקת" אין שטוב. די ווייבער זענען געזעסען אויף דער ערד ארום־געשלעגט די מאמע, אלס זאגערקע, און דער מיטען איז די מאַמע ווייבער ארום צוזאמען. איך האב געזע־

מען די מאמעס ש״מעל און עס אנגעטון אויף די גאס־בע אזוי ווי א באַרד. ארויפגעטעמען אויף זיך דאס מ'שטוך און אזוי געגעבען פון דער גאס א קוק אריין דורכ'ן פענסטער אין שטוב. עטליכע ווייבער האבען זיך דערשראקען פון האזיגען בילד. אבער איינע האט אויסגערופען:

— דאס איז אוודאי מלקעלע משוגע!

די ווייבער האבען זיך געלאזט לויפען נאך מיר. איך בין שנעל אריין אין דער שטוב און אין „גרים און קאסטיום" ארונטער אונטערין איבערבעט. די ווייבער האבען מיך געזוכט און נישט געפונען, ווער ווייסט וואס די וואלטען מיר געטון ווען די פאקען מיך דער־מאלט.

חיה'לע דער צדיקת טאכטער, „מלכה'לע דבוק" האט זיך שנעל א״געוויקעלט אין איהר מאמעס פאר־טוך און אזוי צו'געגט, אוש א שוים האט איהר אויש ארויסגעשלאגען פון מויל. זי האט דוקא געוואלט וויסען ווער איז דאס געווען און אפילו שפעטער, ווען זי האט שוין געוואוסט, אז דאס האב איך געטון, האט זי אלץ נאך מורא געהאט פאר מיר...

די מאמע האט מיך אט פאר דעם „ספעקטא־קעל" נישט געשלאגען. די מאמע פלעגט בכלל נישט שלאגען, נאר זי פלעגט קניפען און מאכען בלויע צייכענס. דערביי האט זי נאר געשענהט, אז די קינדער האבען אויף איהר נישט קיין תרעומות און דער־גהען אויף די יאהרען.

די מאמע האט איבערגעלאזט דאס הויז און די צוויי יונגערע קינדער, געמאכט א פעקעל פון בעטגע־וואנד און צוזאמען מיט מיר און מיין ברודער וואלוועל געפאהרען קיין וואַרשא.

געפאהרען זענען מיר מיט א פור ביז ראיאַזוויץ. איך בין שוין 11 יאהר אלט, האב דעם ווען גארנישט געפילט. ווייל איך האב שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער באן, מיט וועלכער מיר דארפען ווייטער פאה־רען. איך האב זיך פארגעשטעלט, אז א באהן פליהט אין דער הויך, ווייל איך פלעג שטענדיג הערען: „פליהט ווי א באהן". איך האב דעריבער געקוקט אויף די טע־לעגראַפען־דראטען און גערעכענט, אז אויף אט די דראטען פליהט די באהן.

ענדליך הער איך, אז מיר וועלען זיך באלד אריינזעצען אין דער באהן, וועלכע וועט אונז פיה־רען קיין וואַרשא. מיר זענען זיך אריין אין א „שטי־בעלע", איך ווארט אלץ אויף דער באהן און פרעג עגד־לעך דער מאמע, ווען וועלען מיר שוין אריין אין דער באהן. ענטפערט מיר די מאמע, אז מיר פאהרען שוין אין דער באהן. איך ווייס שוין, אז איך וויל פאהרען אין דער באהן, אלץ מעהר בין איך זיכער, אז זי מאכט פון מיר חוזק.

אבער ענדליך זענען מיר שוין אין לובלין און כדי מיר צו בערוהיגען, גיט מיר די מאמע עטליכע קאפי־קעס, אז איך זאל געהן אויפן וואקזאל קויפען עפעל פאר זיך און פאר מיין מאמעס א חברטעס מיי־דעלע, וועלכע איז אויך געפאהרען מיט אונז קיין וואר־שא. איך מיט'ן מיידעלע זענען מיר אראפגעגאנגען אויפן וואקזאל. דא האבען מיר זיך אבער פערפלאנטערט און ווען אונז ביז מיר האבען אויסגעפונען, וואו צוריק צוגעהן און מאמע, איז די באהן דערווייל אוועק.

עס איז מיר שווער צו שילדערן די שרעקליכע פער־צווייפלונג, וועלכע האט אונז בעהערשט. דאס מיי־דעלע האט גענומען מיט שרעקליכע קולות שרייען „מאמע"! מ״גענוגנג דאס מיין מאמען.

איך אבער האב געשוויגען. איך האב פון גרויס פערצווייפלונג נישט געקאנט שרייען. אט דאס דאזיגע געפיהל פון שווייגען אין שווערע, שרעקליכע מאמענ־טען, איז געבליבען ביי מיר אויך שפעטער אויף דער בינע. אפילו אין מעלאדראמעס האב איך אין שרעק־ליכע סצענעס נישט געשריגען, נאר אויסגעדריקט מיי־נע ליידען דורך שווייגען. אין דער רייע־ר דראמע — אנדראי און אנדאי.

באלד האט זיך אויפן וואקזאל אפגעזוכט עפעס א פרוי, וועלכע האט אונז אויסגעפרעגט וואס פאר מיט אונז געשעהן, ווער מיר זענען און וואוהין מיר האבען געוואלט פאהרען. אזוי ווי אין לובלין האט מיין דאזיגע מיינע א שטיף־שוועסטער, מיין טאטעס מאמע־טער פון זיין ערשטער פרוי, האב איך געגעבען די פרוי, אז זי זאל מיך דארט אוועקפיהרען. אבער איך האב אלהר בשום אופן נישט געקאנט אנגעבען קיין נאמען און קיין אדרעס. די פרוי האט אונז דעריבער גענומען צו זיך און נאכדעם ווי זי האט אונז אפגע־געהאלטען איין טאג, האט זי אונז געקויפט בילעטען קיין וואַרשא און אריינגעזעצט אין דער באהן.

כאטש איך האב געוואוסט וואוהין איך פאהר: וואַרשא, מארשאלקאווסקא 104, צו מיין פעטער הערש־קע גראה און נאכ'ן הערען פון מיר האט די פרוי גע־האט צוטרוי, אז איך וועל נישט פערפאלען ווערען און ווען, פונדעסטוועגען האט זי מיר אויפגעשריבען אויף א צעטעל אלהר אדרעס. אז נאכדעם ווי מיר וועלען אנ־קומען אין וואַרשא, זאל איהר די מאמע מעגען דאס שרייבען.

אין וואַרשא האט מיין פעטער הערשקע גראה א פוקלאנאי־שרייבער, געשיקט צו יעדען צוג א קאַ־זאק, וועלכער האט בעדארפט, פרעגן זיך צו געפינען שרייען בעת אנקומען פון יעדען צוג מיין נאמען „מלכה".

4

און אזוי איז טאקע געווען. ווען איך בין צו איך אנגעקומען קיין וואַרשא און איך מיט'ן מיידעלע זע־נען אראפגעגאנגען, האבען מיר געהערט א קאזאק שרייען „מלכה". איך האב געוואלט צו איהם צו־געהן, אבער דאס מיידעלע האט מורא געהאט און נישט געלאזט. ווען דער קאזאק האט געזעהען צוויי קליינע קינדער דא ארומדרייען נישט הערט. איז ער צוגעגאַ־גען צו אונז און אנגעפרעגט דעם נאמען. „גראה", האט ער אונז אנגענומען און אריינגעזעצט אין א קא־רעטע. מיט וועלכען ער האט זיך געלאזט איבער די גאסען פון וואַרשא.

(המשך — ווייטער)

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 25, טעל. 126-87

ספעציעל ארצט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען, מענער - שוועכע, אלע ארט אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ-ספראַגלען.

נעמט אן פון 8—2 נאכמ. און פון 5—9 אוו.

צוויי ליבע לידער

פון לייזער וואלף

איך האב זי ליב, אנ'אומגליק זאל איהר טאַפּען!
איך האב זי האלד, א פייער זאל איהר נעמען!
איך וועל זי אין א מעלרעל ווען דערמאַפען
און אויסקוויטשען די פראכט פון איהרע ברעמען,
א פייער זאל איהר נעמען!

איך בענק נאך איהר, א שרפה איהר אין הארצען!
איך קרענק נאך איהר און גאלדענע פאלאצען;
די פינסטער ברונעאויגען מיינע שטארצען
די קנאספען, וועלכע האלטען שוין ביים פלאצען,
אין גאלדענע פאלאצען.

ווען איך וואלט זי פערכאפט וואו און געפאנגען
מיט פייערדיג שלאנג אייערדיגע ריזלען,
וואלט זי איך מיינע ארעמס אויסגעוואנגען,
א טרייסטלריגע טרייסט זאל איהר צעטרייסלען,
מיט פייערדיגע ריזלען.

—:—:—

די פיינע כלי

אך, נעהם מיך ארום, מיין געטרייער,
און גראב זיך אריין און מיין ברוסט;
פערשארפענע זאל דיר א פייער,
לבּער נאַס, קוים א טרוקענעם הוסט!

און דיין אויג בלויט דעם ים הכנרת,
ס'איז דיין פנים א בלויער געשווער;
א פינסטערע שטיינ־עצרת
זאל איך פייערען מארגען נאך דיר!

איך האב דיך געזעהען מיט א דאַטע
און דיין פניםל האט זיך געהעלט;
די מאלעריע זאל כאפען דיין באמען,
וואס האט דיך געבראכט אויף דער וועלט!

און איך בין א גלאמפ, א נבלה,
כ'וועל זיך וואַרפען ארונטער צוג,
כ'וועל פון אונטער א שווארצער פאטשיילע
היר א כליפּסק פאן דעם אלים און שנוק!
(איך בין אויך א פיינע כלי!)

Dr. med. J. Lubicz

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 16-31

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער

איינגענע פראצאמניע פון וועמליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: קלאמקעס אויף פלאטפוסען, קונסטליכע גליד־מאסען. א. א. נעמט אן פון 230 ביז 4.30 נאכמ

דער מארד אין דער נאכט

7)

גרויסער שפאנענדער סענסאציאנעלער־ראמאן

—:—:—

ריקמאן האט געהאט מיטגענומען מיט זיך דאס העמד פון דעם דערמארדעטען, וואס דער נעהיים־אגענט טארטשינסקי האט איהם אנפערטרויערט.

פון'ם העמד זענען ארונטערגעוואשען געווא־רען די בלוט־פלעקען, און אז ער האט עס בעוויזען דעם דירעקטאר פון דער וועש־פירמע, האט עס יע־נער בעטראכט אויפמערקזאם פון אלע זייטע, און א פרעג געטאן ביי ריקמאנען, וואס ער פלאנגט איינגענטליך.

— איך וואלט געוואלט וויסען — האט שנעל ער קלערט דער שרייבער — וואס בעדייטען אט די אינ־יציאלען: „ד. ה."?

— צו־וואס בעדארפט איהר עס וויסען, מיין הער?

ריקמאן האט א וויל אנגעגטשלאסען געשוויגען, און דערנאך א וואַ געטאן:

— נו, איך בין גרייט צו דערציילען די סיבה.. איהר מוזט מיר אבער צוזאגען, אז דאס, וואס כ'וועל אייך דערצעהלען, וועט בלייבען צווי־שען אונז.

— מיט פערגעניגען, מיין הער — האט דער דירעקטאר געענטפערט — קומט אריין און קאבינעט. דארט וועט אונז קיינער נישט שטערען.

ער האט אריינגעפירט ריקמאנען אין א

קליין צימערל אפגעטיילט פונ'ם מאגאזין מיט א גלעזערנער פארירע.

— איך הער אייך, מיין הער! — האט ער זיך אפגערופען פאמעליך אויסלייגענדיג דאס העמד אויפ'ן טיש.

— דערלויבט מיר צו שטעלען אייך א פראגע.

— האט איהם ריקמאן איבערגעשלאגען די רייד — און איך וועל אייך האבען אויפגעקלערט די סיבה פון מיין וויזיט, און אז איהר וועט מסכים זיין צו גע־בען מיר אינפארמאציעס, טא צי וועט איהר מיר קענען זאגען, פון וועמען דאס העמד איז בעשטעלט געווארען?

— וועלכעספערשטענדליך, מיין הער... איהר וועט דאך אליין, אז אונטער די איניציאלען שטעהט די ציפער 1420... אויב אייערע ארגומענטען וועלען זיין וויכטיגע, וועל איך נאכקאנטראלירען אין דער בוכהאלטעריע, און כ'וועל אייך תיכף קענען זאגען, ווער ס'האט ביי אונז בעשטעלט דאס העמד.

— אויב אזוי, טא בעט איך אייך מיר תיכף צו געבען די אינפארמאציע... איהר וועט דערמיט העלפען צו כאפען א געפעהרליכען פערברעכער.

— א פערברעכער? — האט זיך פערוואונדערט דער דירעקטאר.

— יא, מיין הער! דינסטאג איינם ביינאכט האט מען דערהרג'עט דעם הער, וועלכען עס גע־הערט דאס העמד.

— דערהרג'עט?!

— סאם א קינדשאל און האר יאַבריין!

— אך, ווי שרעקליך! ווי שרעקליך! — איז דער דירעקטאר צוטומעלט געווארען — כ'געדענק, כ'האב געלייענט אין דער פרעסע, נאר מיר איז נישט איינגעפאלען, אז ס'איז דערמארדעט געווארען אונזערער א קליענט. ווי שרעקליך!.. ווי אייגענטליך האט מען גערופען דעם מענש?

— מיט דער ראזיגער פראגע קום איך טאַקע צו אייך, הער דירעקטאר.

— באלד.. באלד!.. ענטשולדיגט מיך, נאר מיר איז נישט איינגעפאלען, אז איהר זענט פון דער פאליציי...

— איך האב אייך נישט, וואס צו ענטשולדיגען,

— האט ריקמאן טרוקען געענטפערט — איך בין נישט קיין פאליציי־בעאמטער, נאר א שרייבער.. דער געהיים־אגענט, וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן אויפקלערען דעם ענין, האט מיר דערלויבט צו העלפען איהם אין זיין ארבייט..

— אזוי הייסט עס! — האט זיך דער דירעק־טאר פער'חידוש'ט אפגערופען — איהר וועט מיר מוחל זיין אויף א מינוט... איך וועל באלד נאכזעהען אין די ביכער.

ער איז אוועק, איבערלאזענדיג ריקמאנען א־ליין אין קאבינעט.

ס'איז נישט אדורך קיין צעהן מינוט, און ער איז צוריקגעקומען א בלאסער און אויפגערעגטער, און זיין שטימונג האט זיך תיכף איבערגעגעבען ריקמאנען.

— נאט מיינער! גאט מיינער! — האט דער דירעקטאר געזאלטען און א־פער'חוזשט רייד־בענדיג זיך ביים שטערן — ס'אזא שרעקליכע נייעס!... אזא חשוב'ער הער!... א שטענדיגער קליענט!...

— ווער איז ער?... ווי הייסט ער?! — האט ריקמאן אומגעדולדיג אויסגערופען.

— הייטמאן, מיין הער... וואלטער הייטמאן, דער באנקיר...

— הייטמאן?... הייטמאן?... וועלכער הייטמאן?..

— יא!.. אזא אנשטענדיגער מענש — און.. דערהרג'עט!.. ער איז געוועזען פרימא־גוט!..

— איך דאנק אייך, הער דירעקטאר. — האט ריקמאן געזאגט, איבערלאזענדיג דעם דירעקטאר'ס שטראם פון שבחים — א דאנק פאר דער אינפאר־מאציע... דאוויד הייטמאן — א באנקיר!.. איז ער, הייסט עס, געווען דער אומגליקליכער „רויטער פערשוין"...

דער דירעקטאר האט געוואלט ענטפערען אא אנגוויזע, אז דער ערמארדעטער איז נישט געווען א גרויער, אבער ריקמאן האט נישט געהערט, וואס ער טענה'ט, א שאקעל געטאן מיט'ן קאפּ און שנעל ארויס פון מאגאזין.

ס'איז שוין געווען צו שפעט צו געהן זוכען טארטשינסקי'ן אויף זיין קווארטיר, ווייל ריקמאן האט פערענדיגט זיין ארבייט זעקס א זייגער.

צוריקגעקערענדיג צו זיך אהיים, האט ער גע־טראכט וועגען דעם, וואס ער האט זיך געוואוסט.

אין דער שטאט האבען דאך אלע געקאנט דעם דערמארדעטען רייכען באנקיר.

בנוגע האופן אין דער פרט, וואס פלעגט איהם אנאיבערגעטענען דערמארדעטע בייטאכט איז ער שטאט, געוועזען א נישט־דערקלערבארער.

די גאנצע נאכט האט ריקמאן וועגען דעם שטארק אריינגעטראכט, און דאס האט איהם נישט געלאזט שלאפען.

און דער פריה האט ער מיט אונגעדולד גע־ווארט אויף דעם מארגען, ווען ער וועט זיך קע־נען געהן; וועהן מיט טארטשינסקי.

ער איז שוין געשטאנען אויף דער שוועל, פרי ארויסצוגעהן פון שטוב, ערשט איהם איז ענט־קעגענגעקומען טארטשינסקי, וועלכער איז געווען גע־וואלדיג אויפגערעגט.

— נו, הער ריקמאן, — האט ער אויסגערופען — אין דעם „מעססאטען" וועגען פערזעהש צוויי מערדער!

— צוויי נאר?

— יא... א מאן מיט א פרוי!

(פארזעצונג קומט)

הומאָר — דער קונדס — סאַטירע
צוזאַמענגעשטעלט דורך א. שאַרפּצינגעל

פּאָליטיק פון דער וואַד

... אַ שאַס אויף דער פּויליש-דײַטשער גרענעץ און אַלע האָבן זיך דערשראָקן.
געהערט אַ מעשה. אַ שאַס מאַכט אַ שטיקעל רעש. מען זאָגט אַז די פעלקער-ליגע האָט אַפילו זיך אַ טרייסעל-געטאָן.
אַזוי ווערט עס אויס, עס איז אַזוי לאַנג שטיל, בּיז מען שיסט נישט. גיט מען נאָר אַ שאָס, איז שוין פערדאָן וואָס צו הערן.
הערט מען טאַקע, אַז דײַטשלאַנד פּראָטעסטירט. פּוילן ענטפערט, אַ קאָמיסיע מישט מען אַרײַן און נאָטירלעך מעלדן אויך נעווים פליהען.
קורץ, עס איז ליתרים.
ליתרים איז אויך צווישען אונזערע יודען אין ענגלאַנד. מען שמועסט אַז ס'האַלט ביי אַ מלחמה צווישען ביידען.
אַזוי שמועסט מען.

מינצבערג און בּודזינער
דועל צווישן די צוויי פּרעזעס'ן
(ע צ ט ע ל אָ ד ז ע ר נ ײַ ע ס)

צוליב דעם וואָס פּרעזעס בודזינער האָט, אויף דער זיצונג פון קהלה-ראט געזאָגט, אַז פּרעזעס מינצבערג פאָהרט קיין וואַרשא גאַנץ אָפט, אויפ'ן חשבון פון דער קהלה און די ראזיגע רייזעס האָבן דעם צוועק פון פּרעזעס מינצבערג'ס פּריוואַטע געשעפטען — האָט דער פּרעזעס מינצבערג אַזוי שטאַרק בעליידיגט, אַז ער האָט בעשלאָסען אַרויסצורופען דעם פּרעזעס בודזינער אויף אַ דועל.
נעכטען האָט פּרעזעס בודזינער שוין בעקומען די אויפפאָדערונג צום דועל. פּרעזעס מינצבערג שטעלט פון זיין זייט אַלס סעקונדאַנטען די מורי הוראות ליבּיש ראַזענבערג און משה ראַמב.
פּרעזעס בודזינער האָט דעם דועל אַנגענומען און אַרויסגעשטעלט אַלס זיינע סעקונדאַנטען: אשר קאַהן און בּאָרוך עפּשטיין.
דער דועל וועט פּאַסירען אויפ'ן בית-מדרש פּלאַץ צווישען מנחה און מעריב.

אויף דער שוועל

— מיין ליבער זוהן, דו קאַנסט נישט חתונה האָבן מיט אַ פרוי, וועלכע איז אַלט גענוג צו זיין דיין מוטער.
— מיין ליבער פאָטער, איך קאַן אַבער אויך נישט דאָס טאָן.
— אַה, ניין, דו וועסט עס נישט טון, זי האָט דאָך צוגעזאָגט צו ווערען דיין שטיף-מוטער אין אַ חודש אַרום.

■ ■ ■

— זי האָט געזאָגט, אַז אויב אַ מאַן וועט איהר קושען אָהן וואַרנונג, וועט זי רופען איהר פאָטער.
— וואָס האָסטו געטאָן?
— איך האָב איהר געוואָרענט.

* * *

— איך האָב אַזוי ליב צו פערברענגען מיט הערשלען. ער רעדט וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס אַנדערע מענער וואָלטען געשעמט זיך.
— האָט ער דיר פאָרגעשלאָגען חתונה האָבען?

* * *

קונסטלער: איך וועל דיר פערקויפען דעם בילד פאַר פופציג דאָלאַר.
דאָקטאָר: דאָס נישט. נאָר איך וועל דיר געבען פופציג דאָלאַר פאַרן אַוועקנעמען פון דער מאָדעל.

* * *

— נו, מאַ האָבען דאָס געלט, צי דענקסט איהר, אַז ער איז אַ מענש וועלכער וואָלט גענומען געלד, אויב נישט?
דער עולם האָט אָנגעהויבען שטאַמלען: נו-נו-נו-אַזוי דאָרט געווען?

אַ נ'אַרענטליכער ברודער

— דו האָסט אַרויסגעגעבען דעם האַנט פאַר יענער מיידעל, דו קענסט זי דען?
— ניין, איך קען זי נישט, אַבער מיין ברודער קען זי.
פאַרוואָס זשע נעהמסטו אַרונטער דעם האַט?
— ווייל איך טראָג מיין ברודערס האַט.

אַהאַ!

מען בעקענט אַ לעווער פון דער פּראָווינץ מיט דעם שרייבער ברענהאַליץ.
— אַהאַ — זאָגט דער לעווער בעגייסטערט, — איהר זייט עס, דער שריפטשטעלער ברענהאַליץ?
— יאָ דאָס בין איך, — שמייכעלט דער שריפטשטעלער.
—איך האָב אייערס אַ בוך!
— אויסגעצייכנט. איך האָב דאָך קיינמאָל מיינע ביכער נישט געשענקט.
—איך האָב עס געקויפט!
— געקויפט? אַ, זייט איהר עס, הייסט עס, דער לעווער וואָס האָט געקויפט מיין בוך!

מאַי קא משמע לן
(וואַד-קלאַנגען)

מאַי קא משמע לן, וואָס הערט זיך
מיט דעם חודש מאַי דעם שיינעם —
א"י. פערפּ'הרט האָט ער נישט איינעם
און להבדיל, אויך נישט איינעם...

ס'זענען טעג און נעכט געוועזען
פול מיט מאַי-דופט, וואונדער-ריחות,
אַז ביי הערצער פון מאַיאָוצעס
לאָקריץ-הים און צאַרט און ווייך איז...

מאַי קא משמע לן, וואָס איז דען
אין דעם חודש מאַי געוועזען?
ס'האָבען אהן אַ שיעור געבלי'הט אונז
בל'ערלייי געשמאַקע בעזען...

א"י, בעז-פּריון, בעז-הנאה,
בעז פרנסה וכלכלה —
און מיר-וועמיר בעז-הומאָר
אַלע-נעבעך, גאָלע, גאַלע...

מאַי קא משמע לן — וואָס ווייטער,
זאָגט, וואָס ווייטער וועט דא ווערען?
זאָגט, וואָס לאָזט ער אונז דער זמר
מאַי קא משמא לן — צו הערען?..

א"י, ס'וועט גאָרנישט זיין און ווערען,
ווייל גאָר וואַשנע-גרוים די בראָך איז!
אַליץ וועט בלייבען ביי „סאַנאַציע" —
ביי דעם אַלטען... מאַי-קדרות...

יאָקעל בן פלעקעל.

אידיליע אין דער לאָדזשער קהלה

זייער „פריינדשאַפט" נאָכ'ן שליסען דעם בלאָק

עקספּאָזע פון פּרעזעס מינצבערג

אַלס אַריינפיהר צום קהלה-בודזשעט האָט פּרעזעס מינצבערג געהאַלטען פאָלגענדע עקספּאָזע:
מיינע זעהר געעהרטע אָנוועזענדע, כמיין דאַמעס!
8
איך דאַרף מיך נישט פאַר אייך דאַ ריהמען, נאָר איך וויל בלויז פעסטשטעלען פאַקטען. ווער עס האָט אָפענע אויגען, אַפילו מיינע געגנער, וועלען מודה-זיין אַז מיין טעטיגקייט טראָגט אַ וועלט-געשיכטליכען כאַראַקטער. ביז מיר איז די וועלט געשטאַנען אויף אַ טויטען-פּונקט. די גאַנצע אייראָפּעאיזשע ציוויליזאַציע איז נישט ווערט געווען קיין שמעק טאַבאַק. ערשט ווען איך בין צוגעטרעטען צו דער אַרבייט, מען קאָן זאָגען — אויסשליסליך אַרבייט, האָב איך ערשט געמאַכט אַ לייט פון דער קהלה. אַזוי, אַז די קהלה איז איצט אַ צירונג פאַר דער וועלט. מען קאָן זאָגען: דער שטאָלץ פון דער וועלט.
אויף אַלע געביטען האָב איך דאָך געמאַכט אַרדנונג. די קהלה דינט דאָך איצט אַלס מוסטער פאַר אַלע וועלטליכע זעלבסטפערוואַלטונגען. פון אַלע עקען וועלט וועט מען דאָך קומען צו מיר זיך לערנען אָרדנונג.
נישט אומזיסט שמועסט מען, אַז די גרעסטע וועלט-פערזענליכקייטען קלייבען זיך צו קומען בעזוכען אונזער קהלה-כדי זיך אָפּצונעמען אַ מוסטער פון אָרדנונג.
עס זענען שוין אָנגעקומען ידיעות, אַז עס קלייבען זיך שוין אין וועג אַריין קיין לאָדז אַזעלכע בערימטע לייט ווי, מוסאָליני, בערנאַרד שאָו, פּראָפ. ווייצמאַן, עמיל יאַנינגס, הענרי פאָרטען, קאָנראַד ווייד, גרעטא גאַרבאָ, קלאַרא באָוו, הערבערט סעמוועל, לאָיד דזשאָרזש, מיסטינגעט, אַלגא דעסמאַנד, אַלגא טשעכאָוואַ, דעם. פאַרבשטיין און אַנד.
אַלע זיי קומען זעהען און בעוואונדערען מיין אוי... ערמידליכע, מען קאָן זאָגען: היסטאָרישע אַרבייט.
מען דאַרף בלויז וואַרפען אַ בליק אויפ'ן ראַבינאַט, אין די שעכט-הייזער, אין די מקוואות, אויפ'ן בית-עולם, און עס איז גענוג צו ווערען דערשטוינט פון דער קאָלאָסאַלער מיה, וואָס איך האָב דאָרט אַריינגעלעגט און די מיה האָט נישט געווען קיין אומזיסטע.
איך בין שטאָלץ דערויף און די וועלט דאַרף אייך זיין שטאָלץ און איך רעכענ, אַז די וועלט איז געוויס אויך שטאָלץ.
עס איז דאָך פערדאָן מיט וואָס צו שטאָלצירען. צוזאַמען דערמיט איז אויך דאָס לאָדזער יודענטום שטאָלץ מיט מיין אַרבייט.
נישט אמת, פּרנס ליכטענשטיין?

אַ זשורנאַליסט גיט זיך אַנ'עצה

אַ זשורנאַליסט איז געשטאָרבען.
איר ווייסט איהר דאָך, אַז זשורנאַליסטען זענען נישט קיין שעהמעוודיגע, לאָזט זיך אונזער זשורנאַליסט גלייך אין גן עדן אַריין.
קלאַפּט אָן אין טהיר.
פרעגט איהם דער וועכטער:
— בעשעפטיגונג?
ענטפערט ער:
— זשורנאַליסט!
— קענסטו נישט אַריינקומען! — איז געווען דער שטרענגער ענטפער.
אַבער וועך זשורנאַליסט פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ: אַז נישט אין גן-עדן איז אין גהינום! — זאָגט ער צו זיך.
קלאַפּט ער אָן טהיר פון גהינום.
הערט זיך אַ שטרענגע שטים:
— בעשעפטיגונג?
— זשורנאַליסט!
— מראַנ זיך שוין אָפּ פון דאַנען!
אַבער דער זשורנאַליסט פערליערט אַליין נישט זיין מוט.
ער זעצט זיך גלייך מאַכע דאָרט אויף אַ טרעפּעל ביים אַריינגאַנג, און מאַכט זיך פאַרטיג אַ זשורנאַל.
אין אַ פּאָר וואָכען אַרום קריגט ער פּרעס-קאַרטלעך אויף אַ פּריען אַריינטריט סיי אין גן-עדן און סיי אין גהינום.

אַ ראָקפעלער אַנעקדאָט

א"נמאָל איז ראָקפעלער געקומען אויף אַ באַל פאַר אַ וואוילטעטיגען צוועק.
אַ יונג מיידעל איז צו איהם צוגעגאַנגען מיט אַ טעלער.
ראָקפעלער האָט אַוועקגעלייגט צוויי הונדערט דאָלאַר און אַנקוקענדיג דאָס מיידעל, געזאָגט:
— דאָס איז פאַר אייערע שעהנע אויגען, מיין קינד!
דאָס יונגע מיידעל האָט אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:
— און ווי איז פאַר די אָרימע, מר. ראָקפעלער?
און ראָקפעלער האָט אַוועקגעלייגט נאָך צוויי הונדערט דאָלאַר אויפ'ן טעלער.

אַ קלוגע דינסט

אַ בעל-הביתטע האָט געגעבען דער דינסט צוויי זל. און איהר אָנגעזאָגט:
— פאַר די זל. זאָלסטו קויפען עפּעל און פאַר די זל. זאָלסטו קויפען באַרען.
די דינסט איז צוריקגעקומען מיט אַ ליידיגען קויש.
— פאַרוואָס האָסטו נישט געקויפט? — האָט די בעל-הביתטע געפרעגט.
— ווייל איך האָב פערמישט די זלאָטעס און האָב נישט געוואוסט וועלכער איז פאַר די עפּעל און וועלכער פאַר די באַרען.

לאָדזער קאָפּע-חכמות

— איך האָב היינט, יאָסעל, גוט אַריינגעזאָגט מיין ידענע, איך האָב אַליין פון דעם הנאה!
— וואָס האָסטו איהר אַזוינס אַריינגעזאָגט?
—הערסט אַ מעשה, זי קומט היינט פון גאַס און דערצעהלט מיר פון אַ שרעק וואָס זי האָט געהאַט: עפּעס א יונגערמאַן איז איהר נאָכגעגאַנגען און איהר געריזפּען... און וואָס זאָגסטו, זאָגט זי, מען קען מיך נאָך אַנגעהמען פאַר אַ מיידעל! הערט איך זיך און זאָג איהר: מיך וואונדערט עס גאָרנישט, אַז מען זאָל דיך אַנגעהמען פאַר אַ מיידעל, ווייל זי קען אַ מענש דענקען אַז אַ'מיצער זאָל די תנוה האָבען מיט אַזאַ שלאַק ווי דו? נו, וואָס זאָגסטו וועגען מיין אַריינזאָגען?
—זעהר גוט! זעהר גאַויל! זי קומט עס צו דיר!

* * *

אַ מיידעל איז גוט, אַ טאָכטער איז גוט, אַ יונג ווייבעל איז אויך גוט — היינט פרעגט זיך, נאָר פאַר וואָס מען אַדוי די שלעכטע פרויען?

* * *

וויבאַלד מען האָט שוין געפונען סדום ועמורה וועט מען שוין אויך באַלד געפונען לוט'ס „לידיי" פון סדום און לוט'ס ווייב'ס „קוק אויף הינטער".

* * *

— הערסט, איך האָב אַ בעקאַנטען יונגערמאַן, א פיינער שלים-מזל, עסט ער שוין פון אַ צייט יעדען טאָג — הייזען.
— צו וואָס? ער איז נישט געזונט?
—ניין, ער איז אַ גאַנץ געזונטער בחור!
— צו וואָס זשע דען טוט ער עס?
—פערשטעהסט, ער האָט געהערט אַז פון הייזען הויבען זיך געוויסע זאַכען, נו מיינט ער, אפשר וועט זיך אויך הויבען זיין מאַנופאַקטור.

* * *

— איך הויב נישט אָן צו פערשטעהן: איבעראַל געהסטו און דערצעהלסט, אַז איך בין משוגע געוואָרען. און דאָס איז נאַכדעם ווי איך האָב דיר מיט אַ וואָך צוריק געליהען אַ הונדערטער!
— נו טאַקע דערפאַר, בעני...

צוריקסעדר

אַלעס איז
דא צוריק:
אַלעס — ווי
פאַראַיאָהרען:
גראָז און בען,
און צווייג,
און בלום,
דא צוריק
און דאָרט.
אַלעס איז
פונקט ווי
פאַראַיאָהרען;
בלויז אַ צוויי-
דריי מיידלאַך
זענען קלי-
גער געוואָרען.

אַ מאָדנער זייגער

— ווי שפּעט איז, מענדעל? — פרעגט זיין פרוי פון בעט, דעם אין-מיטען-נאַכט אַריינקומענדיגען מאַן.
— איינס אַ זייגער — ענטפערט ער — נאָר ווי ער האָט עס אַרויסגערעדט, נעהמט דער זייגער און שלאָגט דריי.
— מענדעל, וואָס זאָגסטו איינס — דער זייגער האָט דאָך געשלאָגען דריי!
דער זייגער זאָגט זיך — פערליהרט זיך נישט מענדעל און ענטפערט גלייך.

וואָס ער וויל

שדכן: איך האָב פאַר דיר אַ מיידעל אַ'אַנטיק.
בחור: איך וויל נישט קיין מיידעל, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צרה זי וועט זיין.
שדכן: האָב איך פאַר דיר אַני אַלמנה, א יונגע, אַ שעהנע.
בחור: קיין אַלמנה וויל איך אוראי נישט, וואָרים אז זי האָט בעגראָבען איין מאַן, וועט זי מיך אויך בעגראָבען.
66
שדכן: נו האָב איך פאַר אייך אַ גרושה.
בחור: קיין גרושה וויל איך זיכער און זיכער נישט. אז דער ערשטער מאַן האָט זי געגעבען, מסתמא טויג זי אויף קלאָגען.
שדכן: אז קיין מיידעל ווילסטו נישט, קיין אַלמנה און קיין גרושה אויך נישט, וועמען זשע דען ווילסטו?
בחור: איך וויל מיין שכנ'ס ווייב. אז זי איז גוט פאַר איהם, וועט זי פאַר מיר אויך זיין גוט.

צווייטע רשימה פון די זוכי-בגורל

פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס פון „נייעם פאָלקסבלאַט"

300 אומזיסטע בילעטען

צו דער גרויסער גאַרטען און ספּאָרט-פערוויילונג אין העלענאָוו, וואָס קומט פאָר ד. 2-טען טאָג שבועות

(101) ל. סידארסקי, גראנסקא 23
(102) יאקוב שמולעוויטש, לוטאמירסקא 8.
103 שלמה מילראד, סקלאדאווא 23.
(104) וואלף מינץ, אלעקסאנדריסקא 27.
(105) וואלף ראזענבלאט, זגערזשער 35.
(106) שמעון הערש ראזענבלום, קעלמא 5.
(107) צ. זשורקאווסקי, פלאץ-וואלנאשטשי 7.
(108) עליאש וייטמאן, זגערזשער 28.
(109) ב. קויפמאן, פולנאצנא 4.
(110) שווארץ, פולנאצנא 13.
(111) הערשעל ראזענבוים, זאווישא-נאם 28.
(112) הינדא קויפמאן, אלעקסאנדראווסקא 20.
(113) ש. געשטשינסקי, בזשעזינער 35.
(114) וואלף ראבראווינסקי, זגערזשער 26.
(115) ת. סעלרין, דרעוונאווסקא 9.
(116) מ. י. קאזלאווסקי, קאנסטאנטינער 69.
(117) הענעך אורבאך, צעגלאנא (באלוט) 10.
(118) יחזאל גרינבאל, בזשעזשינער 7.
(119) מ. רעזניק, צעגעלניאנא 17.
(120) אברהם מאראקא, פיעטריקאווער 31.
(121) יחזקאל פרענקעל יוליוש-נאס 1.
(122) ד. א. נאטאריוש, פאמארסקא 53.
(123) חלפי, פולנאצנא 7.
(124) ארנשטיין, פולנאצנא 3.
(125) מרדכי כמורא, אלטשטאט 11.
(126) צדוק פערציאוויטש, זשעלאזנא 34.
(127) מ. פרושצקי, צעגעלניאנא 99.
(128) קאווארניא „עקאנאמיע" - פיעטריק. 41.
(129) א. מעללער, פיעטריקאווער 116.
(130) סאלא בערלינער, מארנאווא 38.
(131) מ. פרידמאן, קילינסקי 61.
(132) אברהם וואלקאוויטש, קילינסקי 18.
(133) מ. פינקלאוויטש, פיעטריקאווער 27.
(134) פינקוס בענדא, ראקיטשינער 11.
(135) רוזשא חיימאוויטש, 11. ליסטאפאד 79.
(136) שלעזשינסקי, פולנאצנא 4.
(137) פיעניאנזשעק, אנדזשעיא 12.
(138) הערש פייוויש הויז, וואווארזקא 15.
(139) ירחמיאל שלאסבערג, גלובנא 31.
(140) יצחק רוס, שענקעוויטשא 22.
(141) ר. ווילהעלם, צעגעלניאנא 11.
142 מאריץ לאמאזינעק, ליפאווא 1.
(143) י. פיינזילבער, פיעפשאווא 16.
(144) י. בראנדעס, פאמארסקא 20.
(145) דינה שיינבערג, קוויאטקאווסקי 2.
(146) מאניא מערנער, גראנסקא 64.
(147) פ. ר. ווינבלום, מסארניא 9.
(148) י. ג. ראפאפ, קילינסקי 153.
(149) מ. פראכאווניק, וואלבארסקא 36.
(150) שלמה זייבערט, פילסודסקי 50.
151) סאלא גאלדמאן, זגערזשער 12.
(152) בערנארד קעניגסבערג, זאכארניא 34.
(153) פישל באראווער, מארנאווא 31.
(154) שנורמאן, וואווארזקא 5.
(155) זילבערמאן, וואווארזקא 14.
(156) חיים ראמענסשטיין, זגערזשער 51.
(157) גיטשא פיינענבוים, גראנסקא 35.
(158) שמואל נאפארסטעק, זעסאלא 4.
(159) ישראל שפיינפעלד, קילינסקי 23.
(160) הערמאן גארניצקי, זאמענהאף 14.
(161) מ. האכמאן, זגערזשער 84.
(162) עליאש צוקערמאן, אלעקסאנדריסקא 9.
(163) לומעק זאבלאצקי, וואווארזקא 40.
(164) כאלאמאן פאושענשעווסקי, זגערזשער 42.
(165) שמעון זאסטשעמבסקי, פילסודסקי 72.
(166) שמערעל אלשער, בזשעזשינער 4.
(167) וועלינא, וואווארזקא 11.
(168) יאקובאוויטש, וואווארזקע 29.
(169) פ. שעפעס, קאמיענא 22.
(170) משה שטיינמאן, קרוטקא (באלוט) 13.
(171) מ. עפשטיין, וואווארזקא 49.
(172) ישראל גאלדשטיין, גנאסקא 31 א.
(173) אהרן גאלדקראנץ, קילינסקי 37.
(174) העלא לענקאווסקא, נאוואמיעסקא 18.
(175) קאלינסקי, זאכארניא 30.
(176) בלאה, זאכארניא 23.
(177) הור לעווין, מאגיסטראצקא 16.
(178) חנה זשעלעווסקא, זשעראמסקא 1.
(179) יעקב טלינקעוויטש, בזשעזשינער 29.
(180) י. ה. פאיערמאן, קילינסקי 87.
(181) אהרן אסאוויעצקי, פראנציסקאנער 15.
(182) שלענטשינסקי, זאכארניא 21.
(183) פ. פינקוס, זשנאווסקא 91.
(184) דרעסלער, זאכארניא 19.
(185) יוסף מאכאטשעווסקי, מלינארסקא 9
(186) איציק בערעק, באווארנא 8.
(187) גרשון קירשענצווייג, זשנאווסקא 58.
(188) שלמה פיש, פולנאצנא 22.
(189) גאלדבערש, קאנסטאנטינער 9.
(190) ציגעלבערג, קאנסטאנטינער 31.
(191) מ. שופמאן, פילסודסקי 64.
(192) מ. שאכטעל, מלינארסקא 2.
(193) הור פוקס, מארשינער 31.
(194) ב. קרוז, קאנסטאנטינער 76.
(195) בראיער, קאנסטאנטינער 33.
(196) בלאוי, קאנסטאנטינער 33.
(197) בראנשטיין, ציגעל-נאס 19.
(198) ב. רעכעש, קילינסקיעגא 49.
(199) ראוואנא, ציגעל-גאס 33.
(200) מינדאל, קילינסקי 43.

די ווייטערדיגע רשימה קומט זונטאג, ערב יום-טוב.

ווען קאן א פּאָבאָראָווע-קאָמיסיע אַנווענדען לגבי פּאָבאָראָווע א צוואַנגס-קוראַציע

און פערלויף פון דער דורכגעפירטער פּאָבאָר־סעסיע, פונקט אזוי, ווי בעת די פריהעריגע פּאָבאָר־סעסיעס, זענען דורך די אמטירענדע קאמיסיעס פיל אינטערעסאנטע ענינים, ביי וועלכע ס'איז פעסטגע־שטעלט געוואָרען א געוויסע קראנקהייט אדער א בע־שטימטער קערפּערליכער דעפעקט אפגעשיקט געוואָ־רען אין די שפּיטעלער אויף קוראציע.

אויב די דאזיגע קוראציע טראגט אן אויס־געשפּראכענעם צוואנגס-כאראקטער, ענטשטעהט דערביי ביי פיל פערזאנמערסירטע פערזאנען שטארקע ספקות, צי די בעטרעפענדע פּאָבאָר־קא־מיסיעס זענען בערעכטיגט ארויסצוגעבען אזעלכע פער־ארדנונגען.

מען מאכט גלייך דא אויף דעם ארט פעסט־געשטעלט ווערען אז די פּאָבאָר־קאמיסיעס זענען יא בערעכטיגט אנצונעהמען אזעלכע דעציזיעס, וועלכע באזירען זיך אין אלגעמיין אויפ'ן ארטיקעל 41 פון איינהייטליכען אוסטאוו וועגען אלגעמיינעם מיליטער־פליכט און אויף די ארטיקלען 209–205 פון דער נייער אויספיהר פערארדנונג צום הערמאנטען אוס־טאוו.

דער סיסטעם פון א צוואנגס-קוראציע קאן א־בער נישט אנגעוואנדט ווערען לגבי אלע פאלען פון א קאנסטאטירטער קראנקהייט אדער קערפּערלי־כען דעפעקט, נאר די ציטירטע אוסטאוון און פער־ארדנונגען צייכענען אן געוויסע גרעניצען, ווען די פּאָבאָר־קאמיסיעס קאנען זיך הערמיט בענוצען אין זייער אמטליכער פראקטיק.

קודם כל מוז מען געדענקען, אז לויט'ן אפשניט פון ארטיקעל 41 פון פערא־איינהייטליכען אוסטאוו וועגען דער אלגעמיינער מיליטער־פליכט קאנען די פּאָבאָר־קאמיסיעס פערארדנען איבערצוגעבען א פּאָבאָראָווי א צוואנגס־קוראציע בלויז נאר דעמאלט, ווען די פעסטגעשטעלטע ביי אהם קראנקהייט אדער קער־פערליכען דעפעקט, וועלכער מאכט אהם אין איצ־טיגען צושטאנד אומפעהיג צו ערפילען די דינסט־פליכט לאוט זיך אבער אין משך פון העכסטענס 4 חדשים, אויף אזוי ווייט אויסקורירען אז מען וועט שפּעטער דעם זעלבען פּאָבאָראָווי קאנען קוואלי־פיצירען צו דער קאטעגאריע „א".

פון דער געבראכטער טעזע איז אלזא צו דער־גען, אז די פּאָבאָר־קאמיסיעס האבען נישט קיין רעכט אונטערצואווארפען א צוואנגס-קוראציע די יע־ניגע פּאָבאָראָווע אויף וועמענס דינסטפעהיגקייט די קאנסטאטירטע ביי זיי קראנקהייט אדער קערפּערלי־כער דעפעקט האט נישט קיין שום משמעות'דיגע ווירקונג אדער מען די קוראציע פון דער דאזיגער קראנקהייט, עווענטועל דעפעקט דארף דויערען לענגער ווי 4 חדשים.

קיין צוואנגס-קוראציע קאן דעסגלייכען אויך נישט אנגעוואנדט ווערען לגבי אזעלכע נישט דינסט פעהיגע פּאָבאָראָווע, וועלכע ס'וועט אפילו נאך דער דורכגעפירטער קוראציע אויך נישט קענען קוואַ־ליפיצירען צו דער קאטעגאריע „א".

כראי איז זיך אויך אפצושטעלען אויפ'ן ארטיקעל 206 פון דער נייער אויספיהר-פערארדנונג לויט וועלכע ס'טאר נישט פערארדנעט ווערען קיין צוואנגס קוראציע פון א נישט-דינסטפעהיגען פּאָבאָראָווע, וויבאלד די בעוויזונג פון פעסטגעשטעלטען ביי אהם קערפּערליכען דעפעקט מוז פארקומען אויף א כירורגישען אופן ד. ה. דורך אן אפעראציע אדער די קוראציע קען ארויסרופען קאמפּליקאציעס, וועל־כע שטעלען אין א געפאהר זיין לעבען אדער געזונט, סיידען דער בעטרעפענדער פּאָבאָראָווע גיט אויף אזא קוראציע זיין הסכמה.

צום סוף דארף נאך דערמאהנט ווערען, אז די קאסטען פון אזא צוואנגס-קוראציע ווערען נישט גע־דעקט דורכ'ן מלוכה-אוצר נאר זיי ווערען אויפגעצ־מאהנט לויט די זעלבע כללים, וועלכע פערפליכטען איבערהויפּט ביים אויסמאהנען די קאסטען פון א קוראציע אין עפענטליכע שפּיטאלען.

מיט אנדערע ווערטער: די קאסטען פון דער צוואנגס-קוראציע מוזען דעקען די בעטרעפענדע פּאָבאָראָווע גופא עווענטועל זייערע משפחות, און אויב די הכנסות קאנען פון זיי בשום אופן נישט אויפ־געמאהנט ווערען, זענען מחויב צו דעקען זיי די אר־טיגע געמיינדעס.

י. איינפעלד.

יודישע פרוי מיט איהר טאכטער פערברענט לעבעדיגערהייט

שוידערליכער פארפאל אין בעלגיען

אנטווערפען, אין הערמיטאן, נישט ווייט פון דינאנט האט די טעג פאסירט פאלגענדער שרעקלי־כער פאל.

די יודישע אלמנה ש. קופער, (אדער קויפמאן) האט זייט איינינע יאהר געפענט דארט, אויף דער קאמער־נאס א קליינע פארבעריי, זי האט זיך דא־הין געלעבט און ערנעהרט זיך מיט איהר 16-יאה־ריגער טאכטער חנה, די טאכטער איז געגאנגען אין דער פענסיאנ־שולע פון דינאנט.

פרוי קויפמאן האט זיך געראנגען א הייזעל אר־רומגערינגעלט מיט א היבשען פארקאן, כדי צו קענען אומגעשטערט אויסהענגען אויף די ספּעציעלע שטאנגען די געפארבטע זאכען. בכלל האט זי גע־לעבט איינזאם און מיט קיינעם פון די איינוואוינער פון דארף נישט געהאט קיין מגע ומשא, וועניג מען שען האבען געוואוסט וויפיל די דאזיגע פרוי ארבייט און מאטערט זיך, כדי צו קענען פערדינען אויף דעם שטיקעל ברויט.

די טעג האט פרוי קויפמאן געקריגען א גרע־סערע פאסטען סחורות, צו פארבען. זי האט גע־מוזט אבער די קליידער פריהער וואשען און בענזי, און דא איז געשעהען אן אומגליק: דער בענזין האט זיך דורך אן אומבעוואוסטער סיבה אנגעצונדען און באלד איז די גאנצע שטוב געווארען ארומגע־כאפּט מיט פלאמען. די צעטומעלטע פרוי איז צו־געלאפען צום פארקאן און געוואלט עפענען דאס טירעל כדי צו רופען מענשען נאך הילף, אין אבער דאס טירעל געווען פערשלאסען, זי האט עס אליין פרי־הער פערשלאסען, כדי שכנים אדער קונדען זאל־לען איהר נישט שטערען אין דער ארבייט. דערווייל האט זיך פערשטארקט דאס פייער, די פלאמען מיט'ן רויך האבען שוין אנגעפילט דאס גאנצע געסעל, און אייד די אריטע פרוי האט בעוויזען צו געפינען דעם שליסעל און איהם אריבערווארפען פאר די אנגעלאפענע מענשען איז זי שוין געבליבען ליגען א פערשטיקטע פון רויך מיט א פערסמאליעטע קערפּער.

ווען מען האט איינגעלאשען נאך פיל מיה די שרפה איז אויך געפונען געווארען א פערברענטע אויף קויל איהר טאכטער, דאס 16-יאהריגע מיי־דעל, וואס איז געוועסען אין דעם דערבייאיגען צי־מער און געמאכט איהרע לעקציעס. דער דאזיגער פאל האט ארויסגערופען א שרעקליכען רושם אויף אלע איינוואוינער.

פרוי קופער—קויפמאן איז א קריגס-אלמנה, איהר מאן זאל האבען אומגעקומען אין נאמור בעת'ן קריג, אלס פרייוויליגער רוסישע בירגער ביי דער פערטיידיגונג פון דער בעלגישער פעסטונג געגען דער אטאקע פון דייטשען מיליטער.

בעת דער עוואקואציע פון נאמור, איז זי אריי־בערגעפאהר'ען מיט איהר 6 וואכעדיגער טאכטערל קיין פראנקרייך, וואו זי האט געלעבט ביז דעם וואפענשטילשטאנד.

I BEZ PIEGOW spędzisz lato
Polska wjoska, czy Riwiera —
I recepta dobra na tò:
Krem i mydło
LESCHNITZERA
W aPt. i dróg. Krem 3.15 mydło 2.30
Gdzie niema, wprost:
Apt. Drancz i S-ka, Bielsko.

Dr. Z. Rakowski

ספ. פאר אויערן-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקע.
9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לאדזשעניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—4

דאס עלעגאנט טעטע קלאנג-פילם-קינא

CASINO

היינט גרויסע פרעמיערע! — רעוועלאציאנס-קלאנג-פילם א. ג.

„פליגעל-פלאט"

גרויסע דראמע פון לעבען פון לופט-העלדען. אין די הויפטראלען:
Anita Page ליבלינג פון אלע פרויען און זיין נייעסטער קרעאציע און Ramon Novarro

אויסערן פראגראם: קלאנג-צוגאבע פון „Metro-Goldwyn-Mayer"
ווי אויך פילם-אקטואליטעטען.

בעמערקונג: די דירעקציע פון קלאנג-טעאטער „קאסינא" מאכט בעקאנט דעם ג' פובליקום, אז די פרייזען פון די פלעצער זענען געבליבען נארמאל און וועלען נישט געענדערט ווערען. אנהויב 4.30, 6, 8, און 10 אזו.
הנחה-בילעטען, פאספארטוס און פריי-קארטען זענען אונגילטיג ביז'ן אפרופען.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 30 ג סיון תר״ץ

מאי

זון-אויפגאנג 8.30
זון-אונטערגאנג 7.35

ליכט צינדען: 7.27

זאל זיין מיט מזל!

די פייערליכע ערעפענונג פון דער ערשטער קאאפעראטיווער לוין-וועבעריי פאר יודישע ארבייטער

נעכטען איז פארגעקומען די פייערליכע ערעפענונג פון דער ערשטער קאאפעראטיווער לוין-וועבעריי פאר יודישע ארבייטער, אויף פאלודניאוואַ 52.

צו דער פייערונג זענען געקומען פארשטייער פון דער מאכט, מאגיסטראט, קהלה, האנדווערקער-קאמער, צעכען, האנדווערקער-פעראיינען, פרעסע און פערשידענע אנדערע אינסטיטוציעס. ס׳איז אויך געקומען א גרויסער עולם סימפאטיקער פון „ארט״ און האנדווערקער.

די פייערונג איז געעפענט געווארען דורכן פאר-זיצער פון „ארט״ ד״ר ווישעוויאנסקי. ער באגריסט אלע פערזאמעלטע און ווייזט אן אויף דער באדייטונג פון דער ערעפענונג פון דער נייער אינסטיטוציע, וועלכע האט זיך אנגעהויבן פון איבערפורעמען יודישע האנדווערקער אין די מעכאנישע פאבריקען. ד״ר מישעוויאנסקי לאדענט איין אין פרעזידיום די ה״ה ד״ר אייגער, קאשיצקי, האכענבערג און מאשקאוויטש.

דאן גיט ד״ר אייגער אן איבערבליק וועגן דער „ארט״-ארבייט, וועלכע גייט אין 2 ריכטונגען: קאנקרעט קאן מען נישט זעהן די פאלגען פון דער „ארט״-ארבייט. אבער די קאנסעקווענצן זענען גרויסע ס׳האנדלט זיך וועגן ראטעווען די עקזיס-טענץ פון דער יודישער באפעלקערונג. וועגן געבן זיי די מעגליכקייט נאך צו אטעמען און די מעקלערס און הענדלער צו פערטיילען אין די צווייגן פון אינ-דוסטריע און האנדווערק, וואו די ארבייטס-קראפט קען נאך אויסגענוצט ווערען. דאס איז די ערשטע אויפגאבע פון „ארט״; דאן קומט די „ארט״-אר-בייט צו אטעמען מיטן „דושאינט״ פון פערווערטען די יודישע האנדווערקער מיט די נייטיגע מאשינען, וועלכע ווערען פערקויפט אויף ראטעס און אין די א גערופענע קרובים-הילף, וואס באשטייט דערין וואס אמעריקאנער קרובים פון האנדווערקער אין אייראפא קומען זיי צו הילף מיט מאשינען, וועלכע די אמעריקאנער צאהלען און ״ארט״ איינצאהלט זיי, און ״ארט״ איז דאס וואס די „ארט״ פון איין זייט ראציאנאליזירט די אמעריקאנער הילף, און פון דער צווייטער זייט העלפט „ארט״ מיט דער דאזיגער שטיצע צו פראר-דוקטיוויזירען די יודישע מאסען.

די יודישע מאסען ווערען ארויסגעשטויסען פון קליינהאנדעל און ס׳זענען שוין פערהאן סמנים אז זיי ווערען שוין אויך ארויסגעשטויסען פון דעם מיטעל-האנדעל. עס איז נישט פערהאן איצט ביי דער גרויסער קאפיטאליזאציע, קיין ארט פאר פריוואט איניציאטיוו. די סינדיקאטען, טרעסטען און אנדערע ריזיגע אונטערנעהמונגען, נעהמען אבסאלוט צו די עקזיסטענץ-מעגליכקייט ביי די קלענערע אונטער-נעהמונגען; דאס צעבראכענע האט אויך איז דער ערשטער צייט א נעגאטיווע בעדייטונג ביים שטעהער מאכען די יודישע האנדווערקער זייער מעגליכקייט פון עקזיסטירען, דערביי טרעפט מען נאך אן אויף דעם קאמף פון די קריסטליכע ארבייטער ביים אריינ-בעקומען זיך אין די פאבריקען דורך יודישע ארבייטער און דעם נישט-ווילען פון די יודישע פאבריקאנ-טען אנצונעהמען יודישע ארבייטער.

דאס אל צוזאמען אנצונעמען די ענערגישסטע עמאסיטלען. די יודישע ארבייטער מוזען זיך פאר יעדען פריין אריינבעקומען אין די פאבריקען נאכדעם ווערען די נעסט אריינגעפיהרט אין דער ניי־איינגעארדענטער מעכאנישער וועבעריי, וואו ס׳וועלען ארבייטען אויף קאאפעראטיווע יסודות בין 30 יודישע ארבייטער. אין א יאהר בעקומענען לאקאל געפינען זיך 23 זעהר גוטע וועב-שטולען מיט אלע גוטע געהילפס-מאשינען ווי: קעמשטול, שעררמאס (מעכאניש און האנד) שפולמאשינען, טרייב מאשינען און אל איבעריגע איגריכטונגען מיט א בערשניידען דעם פאנר צום אריינגאנג אין זאל האט מען מכבד געווען דעם לאזניק ד״ר מארגאליס.

נאכן בעזיכטיגען דעם לאקאל האט דער פער-וואלטונגס-מיטגליד און ארגאניזאטאר פון קאאפעראַ-טיוו געגעבען אן איבערבליק וועגן דער ענטשטעהונג פון דער דאזיגער זעהר וויכטיגער עקאנאמישער קאמציע: דאס גרינדען פון דער קאאפעראטיווער לוין-וועבעריי פאר יודישע ארבייטער וואס איז שוין א געשעהענער פאקט. דאס איז ווירטואל נישט קיין פלאנטראפישע ארבייט. ס׳האנדעלט זיך נישט וועגן גליקליך מאכען עטליכע מענשען. ס׳איז א ווייטגעהענדער פלאנמעסיגע אקציע (אויב דער עקס-פערימענט וועט זיך איינגעבען) אויף פראדוקטיוו צו מאכען די יודישע מאסען און ארגאניזירען זיי צו זעלבסטהילף.

די לאזוער אפטיילונג פון „ארט״ האט מיט דער מיטהילף פון דער „נעציינג-קאמפיין״ און אמע-ריקא איינגעקויפט 23 ערשט-קלאסיגע מעכאנישע וועב-שטוהלען מיט אלע געהילפס-מאשינען ווי שערע די שפול און טרייב-מאשינען און זיי פערקויפט 2 יודישע ערהאנדוועבער, וועלכע גייען איבער צו מע-כאנישע ארבייט. דער דאזיגער קאמפלעקס האט דעם „ארט״ געקאסט 6 טויזנד דאלאר, פון דעם דאזען די 23 ארבייטער איינגעצאהלט 450 דאלאר דאס איבריגע וועלען זיי אויסצאהלען אין פער-לויף פון 4 יאהר.

די פאבריק וועט געפיהרט ווערען אויף קאאפעראטיווע יסודות. אבער דאס וועט נישט זיין קיין פראדוקציע-קאאפעראטיוו, נאר א לוין-וועבעריי וואו מ׳וועט אנגעמען ווערקפאבריקענע ארבייט אויף לוין. אויסערדעם וועלען 30 יודישע ארבייטער געפינען א פעסטען באדען פאר זייער עקזיסטענץ, און אויב דער דאזיגער עקספערימענט וועט זיך איינגעבען וועט דאס זיין א שטופ אויף ווייטערע אקציעס אויף דעם געביט, ווייל וועבערייען וועגען איינארדנען אוועל-כע פאבריקען זענען שוין פערהאן און די צעהנדליגער. מ׳דארף אויך געדענקען, אז „ארט״ וועט די דא-זיגע פאבריק נישט פיהרען. „ארט״ האט איינגעקויפט די מאשינען און ארגאניזירט די ארבייטער צו זעלבסט הילף.

דאס איבריגע געהער צו די ארבייטער אליין און דאס איז די צווייטע גרויסע רעאליזירטע ארבייט פון „ארט״.

שריפטליכע בעגריסונגען זענען אנגעקומען פון דער „ארט״-צענטראלע אין בערלין, צענטראל-קא-מיטעט פון „ארט״ אין פוילען און אנדערע.

אין נאמען פון צ. ק. פון „ארט״ אין פוילען בעגריסט די ערעפענונג פון לוין-וועבעריי-קאאפעראטיוו דער מיטגליד פון צ. ק. ה׳ איזראעוויטש, וועלכער ווייזט אן, אז היי-יאהר ווערט 50 יאהר זייט דער גרינדונג פון „ארט״. דער רעדנער ווייזט אן אויף די שרעקליכע קריזיסען, וואס זענען זייט יענער צייט פארגעקומען אין יודישען עקאנאמישען לעבען. אין דער צייט האט מען זיך געראטעוועט דורך עמיג-ראציע און 2 מיליאן יודען האבען אויסעמיגרירט פון מזרח-אייראפא. איצט לעבען די יודישע מאסען איבער א זעהר שווערען קריזיס, אלע וועגן זענען פערשטעלט, אלע דורכגענג זענען פערשפארט. ס׳איז נישט פערהאן קיין ווינקעל, דורך וועלכע די יודישע מאסען זאלען קענען ארויס פון דעם עקאנאמישען זומפ.

די וויכטיגסטע ארבייט פון די גרויסע „ארט״-אקציעס פון דער לאדזער קאמיטעט. ס׳ווערט שוין געטאן פאר די יודישע דעקלאסירטע מאסען, „ארט״ פאדערט רעכט אויף ארבייט נישט נאר ביי דער מלוכה נאר קודם כל ביי די יודישע פאבריקאנטען, וועלכע מוזען ברעכען זייער בויקאט געגען די יודישע ארבייטער.

— געבענטשט — זאגט דער רעדנער — זאלען זיין די הענד, וואס האבען אנגעהויבען די ארבייט און געשטארקט זאלען זיין די הענד, וועלכע וועלען די דאזיגע ארבייט ווייטער פיהרען.

אין נאמען פון די מיטגלידער און ניי-ערעפענטע קאאפעראטיוו בעגריסט ה׳ מאשקאוויטש. אין זיין רעדע ברענגט ער צום אויסדרוק, אז די יודישע פאבריקאנטען האלטען זיך נאך אוועק פון געבען ארבייט אין יעדער יודישער קאאפעראטיווער לוין-וועבעריי. הגם די ארבייט געהט ארום בעסער, ווי אין אנדערע פאבריקען, דאס טוט אונבעדינגט געענדערט ווערען ווייל אויב די יודישע פאבריקאנטען וועלען נישט געבען קיין ארבייט אין דער עקספערימענט, וועלכע האט אזוי פיל מיה געקאסט גארנישט ווערען.

אין נאמען פון דער יודישער קהלה בעגריסט — פרנס האפמאן, פון דער האנדווערקער-קאמער — וויצע-פרעזידענט קאשימירסקי. פון דער ראט-פאמטער פון די קאאפעראטיווע בענק און קליינהענדלער-פעראיין — פרנס לייבוש ראזענבערג, פון ארבייטער-בוי-קאאפעראטיוו „פארויס״ — ראטמאן האלענדערסקי, דאן ראטמאן בערמאן, ה׳ וואלף, ב. וואקס; אין נאמען פון קולטור-אמט — פרנס פערנאמענט, פון צענטראלען האנדווערקער-פאנד, פאלאנאווא 4 — ראטמ. שווארצבערג; פון קאמיטעט האנדווערקער-פעראיין — אבוסאווסקי, פון „אגודת ישראל״ — פרנס צוקערבוים און אנדערע.

מיט א קורצער רעדע פון ד״ר מישעוויאנסקי איז די פייערונג געשלאסען געווארען.

וועמען שטעלט זיך היינט צו די פאבאר-קאמיסיעס?

צו די זוכה-בגורל

פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס פון „נייעם פאלקסבלאט״.

אלע זוכה-בגורל ווערען געבעטען אפצונעהמען די געוואונענע בילעטען אויף דער גארטען-פערוויילונג וואס קומט פאר דינסטאג, דעם 2-טען טאג שבועות אין העלענאף. אין אדמיניסטראציע היינט פרייטאג און זונטאג א גאנצען טאג.

ווער שטעלט זיך היינט

צו די פאבאר-קאמיסיעס?

היינט פרייטאג דארפען זיך שטעלען פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 1, אויף זאקאנט-נע 82, די מענער פון יאהרגאנג 1909, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פונ׳ם 5-טען פאליציי-קאמי-סאריאט, און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן אויף די אותיות

D L Ł

מארגען — M N

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 2, אגרא-דאווא 34, דארפען זיך שטעלען די מענער פונ׳ם יאהרגאנג 1909, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פון 7-טען פאליציי-קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט די אותיות

T W

מארגען — R Z

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 3, אלייע קאשטשושקי 21, דארפען זיך שטעלען אלע מענער פון קאטעגאריע B פון יאהרגאנג 1907 וואס וואוי-נען אין 3-טען פאליציי-קאמיסאריאט

פון N ביז P איינשליסליך

מארגען די וואס וואוינען אויף 2 9 און 11 קאמיסאריאט פון A ביז Z.

די פאבאר-קאמיסיעס הויבען אן אמטירען 8 א זייגער אין דער פריה. די פאבאר-פליכטיגע דארפען זיך שטעלען מיט די פערזענליכע דאקו-מענטען, אדער צייגנישען, ארויסגעגעבען דורכ׳ן פאליציי-קאמיסאריאט, וועלכע בעשטעטיגען די אי-דענטישקייט פון דער פערזאן מיט די מיליטערי-שע אדראטשעניעס, רעגיסטראציע-צייגנישען, וועל-כע זענען אויסגעשטעלט דורכ׳ן מאגיסטראט פון לאדז.

מכוח׳ן בוי-פרעלימינאר אויף 1931|2 יאהר

דאס אינערן-מיניסטעריום האט פעראורדענט אלע וואיעוואדעס, אז זיי זאלען ביז׳ן 1 יולי צו-שטעלען א בוי-פרעלימינאר אויף 1931|2 יאהר כדי זיי צו בענוצען ביים צוזאמענשטעל דעם פראיעקט פון אויסערגעוועהנליכען בודזשעט.

דאס מיניסטעריום מאכט אויפמערקזאם, אז מ׳דארף דערביי אפהיטען די רייה פון די אנמעל-דונגען אויף הלואות, לויט דער דרינגליכקייט פון די בוי-פראיעקטען און דאס זיין פערבונדען מיט א עווענטועלער רעדוקציע פון די פאראויסגעזעהע-נע קרעדיטען.

אזא מין „דאפעלטע בוכהאלטעריע״

פון א זגערזשער בחור מיט א ברייטער קישקע, פון א שיקסע פראנטשישקע, און פון א ווייבעל, וואס איז ווערט א שישקע

ביי דער שווערער צייט, ביי די אפטע „גאראנ-טען״ און באנקראטען איז אויך דאס שטעטעל זגערזש, הינטער לאדז נישט פעראלאזען געווארען. זגערזשער יונגעל״ס האלטען זיך אויך נישט פאר קיין שלימ-מזלניקעס, און ווילען זיך „מענטשלען״ צוגלייך מיט די גרויסשטעטיגע. און דער ערשטער ביישפיל האט געגעבען הבחור ג.ז., וואס ארבייט ביי דער פירמע ד. ק״ק זגערזש.

דער דאזיגער בחור האט זיך שטיל און בעש״ר-דיג געארב״ט ביי זיינע בעלי-בתים: בערעכענט קעטעס און ארויסגעגעבען שוס. אבער דערביי נישט פער-געסען זיינע הדרעהדיגע אויפגאבען צו זארגען אויך די שיקסלעך, וואס האבען די קעטע און שוס ביי איהם גענומען. אזא איין שיקסע אין אונזער בחור א״ינגעפאלען אין אויג ארייב, און עי איז מיט איהר געווארען א גאנצע חבר - לאפ, די ערשטע צייטען איז אלץ געווען בשתיקה. אבער מיט דער צייט האט מען אין דער גאנצער שטאט אנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם ראמאן פון הבחור ז. מיט השיקסע פראנ-טשישקא, וועגען דעם האבען זיך אויך דערוואוסט דעם בעש״רדיגעם יונגערמאנ׳ס בעלי - בתים, און באלד דעריף אויך דעם יונגערמאנס עלטערען, וועל-כע וואוינען אין לאדז.

ווי פאטער א חסידישער יוד, האט געוועהט אז דער ענין איז שוין נייט אוועק, און בעשלאסען צו מאכען א סוף אבער נישט דורך קיין מחלוקת און עפנטליכע שאנדע, נאר דיפלאמאטיש, קלוג, אז קיינער זאל דאס נישט בעמערקען. דער חסידישער פאטער האט צוזאמען גענומען עטליכע שדכנים, אז אז ער זוכט א שידוך פאר זיין זוהן, וועלכער איז שוין א גאנצער ״רעקטאר״ אין זגערזש, און פער-שטעהט זיך, אז פאר קיין שדכנים איז נישט פערהאן קיין שום שוועריגקייטען, מ׳האט א זוך געטון און דווקא באלד געפונען א לאדזער מיידעל מיט א קליינעם ביסעל נדן. דאס פאר-פאלק איז זיך געפעלען גע-ווארען.

איבריגענס, האבען ביידע צדדים עפים נישט קיין סך נאכגעפרעגט און מיט דריי חדשים צוריק איז געשטעלט געווארען א חופה. מ׳האט געדונגען א דירה אין זגערזש, זיך איינגעווירטשאפט, ווי ספאסט פאר א יונג פאר-פאלק, און הימעל און ליימען האבען זיך געפרעהט אז ס׳האט זיך איינגעגעבען ארויס-צורייסען אזא וואוילען יונגערמאן פון דער סטרא-אחרא רחמנא לצלן.

דער יונגערמאן האט זיך אבער גאנץ אנדערש דעם ענין בעטראכט: זיין „הייראטו״ מיט דעם לאדזער מיידעל האט ער נאר געהאלטען פאר א פאר-האנג, וועלכע האט אלעם געזאלט פערשטעלען זיין ראמאן, וואס ער האט ווייטער געפיהרט מיט זיין ברונ׳טע פראנטשישקא.

דאס יונגע יודישע ווייבעל האט אבער דאס בעמערקט און נאכגעפאלגט יעדען שריט פון איהר „בעשפאן״. פאלגע מאך דאס זי בעשלאסען צו מאכען א סוף צו דער דאפעלטער בוכהאלטעריע פון איהר מאן:

— זי האט זיך, הארציג געזעגענט מיט איהר יונ-גען „געמאל״, ערקלערט אז די פאהרט נאך לאדז צו איהרע עלטערען און געבעטען, אז ער זאל זי אפוואַרטען ביים טראמוואי, וואס קומט פון לאדז קיין זגערזש 12 א זייגער ביינאכט.

1 דאס ווייבעל איז טאקע געפאהרען קיין לאדז, אבער צוריקגעקומען אנשטאט 12, 9 א זייגער און גלייך אוועק צו זיך אהיים.

דא זענען די גאנצע גרייפלעך פערשיט געווא-רען... דאס ווייבעל האט געטראפען איהר מאן און די איילטע פון זיין „קאכאנקע״.

מעהר האט מען נישט געדארפט, גאנץ זגערזש איז געשטאנען אויף איין אויג. דאס ווייבעל, אבער א גאנץ ענערגישע, האט איהר מאן תיכף ארויסגעווארפען פון שטוב, צוגענומען פאר זיך אלע זאכען, אהער גע-פיהרט זיי קיין לאדז און פערלאנגט פון איהר מאן א גרעסערע סומע אויף א גט.

דעם יונגערמאן, נעבאך, איז דער גאנצער הפעם נישט נירחא געווען, ער האט זיך שטארק פערשעמט, איז דעריבער אוועק פון זגערזש, און מ׳ווייסט נישט וואו ער איז אהינגעקומען.

